צווישן די לייענער וואָס קומען כּסדר צו געפֿינען זיך אַ צאָל סטודענטן פֿון הויך־שולן, וועלכע נויטיקן זיך אין ספּעציפֿישע אינפֿאָרמאַציעס וועגן ייִדישע פֿראַגן.

אַ באַדייטנדער בײַשטײַער צו דער ביבליאָטעקס ביכער־פֿאַרמעג זענען די קנאַפּע 400 ביכער אײַנסן (אין ייִדיש און ענגליש) וועלכע די יורשים פֿון שלמה ווין ע״ה האָבן איבערגעגעבן דער ביבליאָטעק.

אויסער די ביכער־מתּנות, וועלכע די ביבליאָטעק קריגט פֿון צײַט צו צײַט, זענען אויך אײַנגעקויפֿט געוואָרן 85 ביכער אין ענגליש — דאָס רובֿ אויף חורבן־טעמעס און וועגן ייִדן אין דער פֿאַרמלחמהדיקער אייראָפּע.

בלויז 30 נײַע ייִדישע ביכער זענען צוגעקומען. ווי עס מערקט זיך, פֿאַרקלענערט זיך די צאָל פֿאַרעפֿנטלעכטע ייִדישע ביכער פֿון יאָר צו יאָר.

אין יאָר 1982 איז די ביבליאָטעק געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער געזעלשאַפֿט: „מולטי־קולטורעלע ביבליאָטעק דינסט״, אין וויקטאָריע. מיר וועלן זיך באַנוצן מיט דעם נײַעס ביולעטין פֿון דער געזעלשאַפֿט, כּדי צו אינפֿאָרמירן וועגן די ביכער, מיט וועלכע די ביבליאָטעק באַרײַכערט זיך.

אין לייען־זאַל פֿון ביבליאָטעק געפֿינען זיך די בעסטע ייִדישע צײַטונגען און ייִדיש־ענגלישע זשורנאַלן, וועלכע דערשײַנען אין דער וועלט.

אונדזער אָנערקענונג פֿאַר פֿרוי אסתּר בערמאַן, דער אַמטירנדיקער ביבליאָטעקאַרין — פֿאַר איר איבערגעגעבענער און געווינסהאַפֿטער אַרבעט, און פֿרײַנדלעכער אַטמאָספֿער, וועלכע זי האָט געשאַפֿן אין דער ביבליאָטעק.

## „שלום״־קלוב

דער קאָמיטעט פֿונעם קלוב „שלום״, פֿאַרבאַנד פֿון נײַ־געקומענע ייִדן־עמיגראַנטן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אין מעלבורן, איז אויסגעוויילט געוואָרן פֿאַרן יאָר 1982, אויף אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג אין דעצעמבער 1981, און באַשטאַנד פֿון 15 מענטשן.

צו יענער צײַט האָט דער פֿאַרבאַנד געציילט 236 משפּחות. צום סוף פֿונעם באַריכט פּעריאָד האָבן מיר געציילט בלויז 182 פֿאַמיליעס. די צאָל משפּחות — מיטגלידער פֿון „שלום״ האָט זיך פֿאַרקלענערט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נישט באַפֿרידיקנדיקער אַרבעט פֿון דער איבעררעגיסטראַציע פֿון די מיטגלידער.

די אַרבעט פֿון דער איבעררעגיסטראַציע, ווי אויך ווערבירן נײַע מיטגלידער ווערט איצט ענערגיש פֿאַרגעזעצט.

דער קולטור קאָמיטעט (פֿאָרזיצער פּר׳ ס. רובינשטיין) האָט דורכגעפֿירט 3 קאָנצערטן; 5 פֿאַמיליע און פֿאַרווײַלונגס אָוונטן און 1 קינדער קאָנצערט. עס זענען געוויזן געוואָרן פֿילמען פֿון אַמעריקע, ישׂראל, ראַטנפֿאַרבאַנד א. א. צוזאַמען: 8 פֿילמען. ס׳איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ קאָנצערט און גלײַכצײַטיק אַ קינאָ־פֿעסטיוואַל פֿון בעסערע סאָוויעטישע קינאָ קאָמעדיעס, מיטן אָנטייל פֿונעם באַוווּסטן פֿילם־אַקטיאָר־קאָמיקער קראַמאַריאָוו, אַ ייִד, וועלכן עס איז מיט גרויסע שוועריקייטן געלונגען צו פֿאַרלאָזן סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד.

מיט גרויס דערפֿאָלג האָט „שלום״ דורכגעפֿירט צוויי קאָנצערטן אין סידנעי.

מיט אַ גרויסער צאָל אָנטיילנעמער זענען דורכגעפֿירט געוואָרן אַ נײַ־יאָר באָל (אָרגאַניזאַטאָר: פּר׳ ו. קאָרין).

רעגולער און פּראָדוקטיוו האָט געאַרבעט די ביבליאָטעק בײַם „שלום״, וועלכע האָט זיך כּסדר פֿאַרפֿולקאָמט. די ביבליאָטעקאַרין פֿרוי ל. טרעיגער האָט אין דער ביבליאָטעק געשאַפֿן אַ פֿרײַנדלעכע און אַרבעטסזאַמע אַטמאָספֿער, מיט אַ סטאַבילער צאָל לייענער.

„שלום״ האָט אין משך פֿון יאָר אויסגעשריבן צוויי אַמעריקאַנער צײַטונגען אין רוסיש. פֿון ישׂראל — „אונדזער לאַנד״ רוסישן „קאָנטינענט״, „צײַט און מיר״, „ישׂראל היינט״ „22״ א. א.

„שלום״ האָט זיך אַבאָנירט אויף דער נײַ־אַרויסגעגעבענע ענציקלאָפּעדיע אין רוסיש, וואָס וועט דערשײַנען אין ישׂראל. דער ערשטער עקזעמפּלאַר געפֿינט זיך שוין אין ביבליאָטעק.

אין דער צײַט פֿון 1982 איז פּאַקטיש אָפּגעשטעלט געוואָרן די עמיגראַציע פֿון ייִדן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. אָבער אין אײנצלנע פֿאַלן האָט די הילפֿס־גרופּע בײַם „שלום״ אָרגאַניזירט הילף פֿאַר נײַ־געקומענע ייִדן, צוזאַמענאַרבעטנדיק מיטן הילפֿס־פֿאָנד.

צוויי מאָל אַ מאָנאַט דערשײַנט רעגולער די צײַטונג „שלום״ (רוסיש), רעדאַקטאָר: פֿרײַנד ז. פּלאַטקע. די 25 נומערן פֿון דער צײַטונג אין 1982, האָבן געשפּילט אַ גרויסע און וויכטיקע ראָל אין לעבן פֿונעם פֿאַרבאַנד. די צײַטונג אינפֿאָרמירט די לייענער וועגן דער טעטיקייט פֿונעם פֿאַרבאַנד, דאָס וויכטיקסטע וועגן לעבן אין אויסטראַליע, ישׂראל און הויפּט־געשעענישן אין דער וועלט. די צײַטונג שפּילט איינע פֿון די הויפּט ראָלן אין אָרגאַניזירן די אַרבעט פֿונעם פֿאַרבאַנד. די צײַטונג האָט 430 אַבאָנענטן, הויפּטזעכלעך אין מעלבורן. זייער ווייניק — אין סידנעי. צום באַדויערן איז סידנעי נישט געוואָרן קיין פּולבלוטיקער (ערנסטער) פּאַרטנער אונדזערער.

די צײַטונג האָט שטאַרק פֿאַרגרעסערט איר פֿאַרנעם אין זין פֿון געבן מער מאַטעריאַל. זי האָט עס דערגרייכט אַ דאַנק דעם, וואָס זי ווערט איצט געדרוקט מיט קלענערע בוכשטאַבן. די רעדאַקציע פֿירט איצט דורך אַ גרויסע אַרבעט, כּדי די צײַטונג זאָל זיך קאָנען אַליין אויסהאַלטן.

זייער פּראָדוקטיוו זענען די קלוב־אַרבעטן (אָנפֿירער פּר׳ ל. קאַלטיניוק). צוזאַמען מיטן הילפֿס־פֿאָנד (פֿאַרשטיי־

# דוד הערמאַן־טעאַטער

צוליב אַ גאַנצע ריי סיבות איז דער דוד הערמאַן־טעאַטער נישט געווען אַקטיוו פאַר די לעצטע פּאָר יאָר. איינע פון די וויכטיקסטע סיבות איז געווען וואָס עטלעכע פון זיינע מיטגלידער זענען אַרויסגעריסן געוואָרן אויף אייביק פון זיינע רייען.

ביים אָנהויב פון סעזאָן 1982 איז דער קאָלעקטיוו זיך צונויפגעקומען און באַשלאָסן צו באַנייען זיין טעטיקייט.

סוף מאַי איז דער טעאַטער־קאָלעקטיוו אַרויס מיט אַ געמישטן אָוונט פון טעאַטער און קינאָ. דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: אין ערשטן „די געשיכטע פון יידישן פילם". עס איז געווען אַ מאָנטאַזש (פראַגמענטן) פון פילמען געמאַכטע אין פּוילן, אַמעריקע און ישראל. די פראַגמענטן זענען געווען פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ טעקסט אָנגעשריבן פון שרייבער משה אייזנבוד. דעם פילם־מאָנטאַזש האָט צוגעגרייט סעם ציליך. די נאַראַציע האָט איבערגעגעבן יאַשאַ שער.

צום צווייטן טייל געהערט שלום־עליכמס איינאַקטער „מענטשן", רעזשי: י. שער, דעקאָראַציעס: א. גורוויטש, ליכט און קלאַנג: י. טיגעל, מוזיקאַלישע באַגלייטונג: ר. שמערלינג און בינע־לייטונג: ל. קאָלטיניוק, מיטן אָנטייל פון די אַרטיסטן: יאָסל האַבערמאַן, אברהם וויגושין, אידאַ לוסטיג, רחל לעוויטאַ, צילאַ מירקין־האַרטמאַן, מירא פפאו, מאיר צעפּראָוו, רייזל קעניגשטיין, טאַמאַראַ ראָזענבלום און מענדל שמערלינג.

די פאָרשטעלונג איז איבערגעחזרט געוואָרן דריי מאָל (דער פילם־מאָנטאַזש — אויך אין סידנעי) און האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

אין צווייטן העלפט פון סעזאָן האָט דעם טעאַטער צוגעשפּילט אַ גליקלעכער צופאַל וואָס די באַקאַנטע ישראל־אַקטריסע ראָזע טורקאָוו איז געקומען אויף אַ פּריוואַטן באַזוך קיין מעלבורן. דער טעאַטער האָט זיך מיט איר צונויפגערעדט און אויף איר פאָרשלאָג צוגעטראָטן אַרבעטן אויף דער ישראל־קאָמעדיע פון חנוך ברטוב: „קום אַהיים, מיין זון". דעם 3־טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען די פייערלעכע פּרעמיערע, וואָס האָט אַריבערגעשטויגן אַלע דערוואַרטונגען. 6 מאָל איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין מעלבורן, און 1 מאָל אין סידנעי. דער דערפאָלג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער און עס האָט דערמאָנט די אַלטע גוטע צייטן.

דער דאָזיקער דערפאָלג האָט געגעבן דעם טעאַטער־קאָלעקטיוו די נויטיקע „איינשפּריצונג" און מיט זיכערקייט און ענטוזיאַזם מאַכט דער טעאַטער־קאָלעקטיוו פאַרשידענע פּלענער פאַרן נייעם סעזאָן.

במשך פון סעזאָן האָט דער טעאַטער־קאָמיטעט אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע ריי זיצונגען און דער קאָלעקטיוו איז זיך צונויפגעקומען עטלעכע מאָל צו באַהאַנדלען פאַרשיידענע פראַגן.

דער טעאַטער קאָמיטעט באַשטייט פון די פאָלגנדיקע חברים: רחל לעוויטאַ, לאה צוקער, מענדל שמערלינג, מאיר צעפּראָוו, צילאַ מירקין און יאַשאַ שער.

## „הזמיר"־כאָר

דער כאָר האָט אָנגעהויבן אַרבעטן דעם 21־טן יאַנואַר 1982 מיט אַ קאָנצערט פאַר די קראַנקע פון מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל אין אַשוווד, אונטער דער אָנפירונג פון נייעם דיריגענט: בען סעגאַלאָוו.

דעם 25־טן מערץ איז דער כאָר אַרויסגעטראָטן אויפן פעסטיוואַל פון פעלקער וועלכער איז פאָרגעקומען אין האָטאָרן טאַון־האָל.

דער כאָר האָט זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער געטאָ־אַקאַדעמיע אין מעלבורן טאַון־האָל, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 21־טן אַפּריל.

דער מיטן־יאָר פאַרווילונגס אָוונט איז פאָרגעקומען דעם 12 יוני, אין לעאָ־פינק זאַל פון „קדימה".

דעם 6־טן סעפּטעמבער האָבן מיר — אויף דער איינלאַדונג פון „הארמאני לאָדזש" ביים בני־ברית — געגעבן אַ קאָנצערט פאַר די איינוווינער פון די מאָנטעפיאָרע היימען פאַר אַלטע לייט, אין סט. קילדאַ. דאָס איז אגב געווען אַן ערב ראש השנה קאָנצערט און איז אַדורך מיט דערפאָלג.

אַ צווייטער קאָנצערט פאַר די קראַנקע אין אַשוווד־שפּיטאָל איז פאָרגעקומען דעם 17־טן אָקטאָבער.

דער 35 יאָריקער יובל־קאָנצערט איז פאָרגעקומען דעם 28 נאָוועמבער, אין טעאַטער־זאַל פון „קדימה". אין נאָמען פון „קדימה" האָט באַגריסט פריינד הערשל באַכראַך.

אונדזער אַרבעטס־סעזאָן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פאַרוויילונג אין לעאָ פינק זאַל פון „קדימה", דעם 4־טן דעצעמבער.

דעם 5־טן דעצעמבער האָבן מיר געזונגען אין קאָולפילד־פּאַרק, אין טאָג פון קאָולפילדס פעסטיוואַל פייערונגען.

דעם 1־טן יאַנואַר 1983 האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ נייאָר פאַרווילונג, צוזאַמען מיטן וואַרשעווער צענטער, אין לעאָ פינק־זאַל פון „קדימה".

אונדזער כאָר איז איינגעלאַדן געוואָרן צו דער 13־טער „זמריה", וועלכע וועט פאָרקומען פון 4־טן ביזן 18־טן יולי 1983, אין ישראל.

דער איצטיקער קאָמיטעט באַשטייט פון פאָלגנדע פריינד: פּרעזידענט: חיים גאָלדבערג; סעקרעטאַרין: שרה פעל; קאַסיר: משה ראַבינאָוויטש, סילוויאַ פּאָרטעק; רחל פּאָדעמסקי; חיים קעלמאַן; לעאָן בן־פּרט; א. מאַשעל; צוקאָפּטירטע: משה בער; יחיאל רונדע.

## שאַך־קלוב

דער שאַך־קלוב איז אָפן צוויי מאָל אַ וואָך, שבת און זונטיק, ווי אויך אין „פּאַבליק האָלידייס" פון 2 נאָך מיטאָג ביז 7 אָוונט. דאָס יאָר האָבן מיר געפייערט 10 יאָר עקזיסטענץ פון שאַך־קלוב, מיט אַן אָפענעם פאַרמעסט אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען 20 בעסטע שפּילער. דער פאַרמעסט איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. דירעקטאָר „אַף פלעי" איז געווען מ. טאָפּיאָל. דאָס יאָר איז אויך פאָרגעקומען אַן אָפן פאַרמעסט פון אויסטראַליע רעזערוו, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען 120 שפּילער פון אַלע שטאַטן פון אויסטראַליע.

— דער שאַכיסט קאַגאַן פון „קדימה" האָט געוווּנען דעם ערשטן פּריז, 500 דאָלאַר. דער דריטער איז געקומען דער שאַכיסט גורעוויטש פון „קדימה" און געוווּנען 250 דאָלאַר. קאָליש פון „קדימה" איז געקומען דער 6־טער, און וואָלאָוו דער 7־טער. דעם יאָר האָבן מיר זיך אָפּגעשפּילט אין וויקטאָריעס שאַך־פאַרבאַנד און מיר האָבן אָנטייל גענומען אין צווישן קלוב־פאַרמעסט וווּ אונדזער פריינד קאַגאַן האָט רעמיזירט מיטן טשעמפּיאָן פון אויסטראַליע.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זענען די „קדימה" שאַך־שפּילער פון די אָנגעזעענסטע אין וויקטאָריע. דאָס זענען: קאַגאַן, גורוויטש, סאַהאַר און קאָליש. מען דאַרף באַמערקן, אַז פריינד סאַהאַר האָט געוווּנען דעם

וויצע־פּאָרזיצער פון וועלט־עקזעקוטיוו האָט אָפּגעגעבן דעם קולטור־באַריכט פון מעלבורן.

דער „הזמיר״־כאָר, וועלכער איז אָנגעשלאָסן אין דער „קדימה״ (אונדזער פּאָרשטייער: מ. ראַבינאָוויטש) האָט היי־יאָר געפּייערט דעם 35־יאָריקן יובל. דער כאָר גרייט זיך ענערגיש צו דער 13־טער „זמריה״, וועלכע קומט פאָר אין יאָר 1983, אין ישראל.

דער שאָך־קלוב ביי דער „קדימה״ (פּאָרזיצער: א. טאָפּיאַל, מיטגליד פון „קדימה״־קאָמיטעט) איז אַקטיוו, און רעכנט זיך צווישן די אָנגעזעענסטע שאָך־קלובן אין וויקטאָריע.

די „קדימה״־ביבליאָטעק ווערט נאָכאַנאַנד אויסגעברייטערט אַדאַנק דעם צופלוס פון נייע ביכער און די מאָדערנע מעטאָדן, מיט וועלכע זי אַרבעט. עס קומען צו אַ סך יונגע לייענער־סטודענטן, וועלכע באַנוצן זיך מיט ענגלישע ביכער אויף יידישע טעמעס.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אויך אַ לייען־זאַל, ווו מען באַקומט די בעסטע יידישע, און יידיש־ענגלישע זשורנאַלן און צייטונגען פון דער וועלט.

דער ביכער־אויספאַרקויף האָט באַוויזן, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף גוטע יידישע ביכער פאַר צוגענגלעכע פּרייזן, און אַז יידיש פאַרמאָגט נאָך אַ באַדייטנדע צאָל לייענערס. מיט דער ביבליאָטעק פירט אָן דער מיטגליד פון „קדימה״־עקזעקוטיוו, ראָזע בלושטיין, וועלכע איז אַ דיפּלאָמירטע ביבליאָטעקאַרין.

מיטגלידער פון „קדימה״־קאָמיטעט זענען אין לאַנדראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור און אין ביכער־קלוב.

דער קלוב פון די סאָוויעטישע יידן „שלום״ פירט זיין טעטיקייט אין די לאָקאַלן פון „קדימה״ מיט זיינע סעקציעס (אָרקעסטער, באַלעט, ביבליאָטעק און לייען־זאַל). מיר האָבן אַן ענגן קאָנטאַקט מיטן קלוב. טייל מיטגלידער פון קלוב האָבן זיך אָנגעשלאָסן ווי מיטגלידער אין דער „קדימה״, און באַטייליקן זיך אין די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען.

צוזאַמען מיטן „שלום״־קלוב און דעם הילפס־פאָנד, איז אָרגאַניזירט געוואָרן און איז טעטיק דער דינסטיק־קלוב (דינסטיק פאַרמיטאָג) פאַר עלטערע מענטשן. צוליב דער פּאָפּולאַריטעט, קומען צו די צוזאַמענטרעפן אַ גרעסערע צאָל מענטשן. יעדעס מאָל איז פאַראויסגעזען אַ קולטורעלער פּראָגראַם, אַ גלעזל טיי, און אַ פריינדלעכער שמועס.

דער פּראָגראַם פון עטנישן ראַדיאָ פאַרמאָגט 4 יידישע אוידיציעס: זונטיק פרי; מאָנטיק אָוונט (יוגנט); מיטוואָך פאַר מיטאָג (אוידיציע פאַר שול־קינדער) און פרייטיק נ״מ. מיטגלידער פון „קדימה״ זענען אַקטיוו באַטייליקט אין צוגרייטן און אויספירן די אוידיציעס, וועלכער שטייען אויף אַ הויכער קולטורעלער מדרגה.

אַ קליינע, אָבער ענערגישע אינסטיטוציע, וועלכע פירט אויס אירע פונקציעס אין „קדימה״, איז דער ברוך קאַלושינער קאָנקורס פון יידישן און העברעישן ליד. דער קאָנקורס אין וועלכן עס באַטייליקן זיך טאַלאַנטירטע קינדער פון 7 ביז 18 יאָר, איז געשאַפן געוואָרן צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון טראַגיש־פאַרשטאָרבענעם מוזיקער און דיריגענט — ברוך קאַלושינער.

די אינסטיטוציע איז געוואָרן אַ יש אין יידיש־רעדנדיקן ישוב, אין היי־יאָריקן קאָנקורס האָבן זיך באַטייליקט 60 קינדער.

צו דער סאַטיספאַקציע פון יידיש־רעדנדיקן סעקטאָר דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז די שלום־עליכם טאָג־שול אַנטוויקלט זיך גוט סיי לויט דער צאָל קינדער און סיי לויט די דערגרייכטע בילדונגס־רעזולטאַטן. דער שלום־עליכם קאָלעדזש מאַכט באַמיאונגען פון בויען אַ יידישע מיטל־שול.

דער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער״ וועלכן די „קדימה״ פינאַנסירט, האָט מיט דעם טעטיקייטס־באַריכט צו פאַרצייכענען 34 נומערן און 7 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. דער זשורנאַל האָט זיך דערוואָרבן אַ פיינעם נאָמען אין דער יידישער קולטור־וועלט מיט זיין ליטעראַרישן ניוואָ, אין יידיש און ענגליש.

די דריטע בילדער־אויסשטעלונג פון יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן — אין די זאַלן פון „קדימה״ איז געווען גוט אָרגאַניזירט און קינסטלעריש געבראַכט צום אויסדרוק דעם וווּקס און אַנטוויקלונג פון נייע יידישע קינסטלער.

צו די דערפאָלגן פון קאָמיטעט אין יאָר 1982 געהערט אויך דאָס קויפן די געבידע פון 13 סעלווין גאָס, אין שכנות פון דער „קדימה״ מיטן ציל אויפצובויען אַ חורבן־מוזעאום.

מיט צופרידנקייט שטעלט דער קאָמיטעט פעסט, אַז די צוזאַמענאַרבעט צווישן די מיטגלידער פון קאָמיטעט, דעם פאָרזיצער און דער עקזעקוטיוו איז געווען אַ פריינדלעכע, חברישע און די דיסקוסיעס האָבן זיך געפירט אין אַ געזעלשאַפטלעכן טאָן, פאַרן געמיינזאַמען ציל צו פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פון „קדימה״.

## „מעלבורנער בלעטער״

אין חודש דעצעמבער 1982 האָט דער זשורנאַל אָפּגעצייכנט 7 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. אין משך פון דעם באַריכט־יאָר זענען דערשינען 5 נומערן (250 זייטן פעברואַר־דעצעמבער). אין אַלגעמיין זענען דורך די 7 יאָר דערשינען 34 נומערן.

דער זשורנאַל איז אַ צוויי־שפּראַכיקער (יידיש־ענגליש). אין דער ענגלישער אָפּטיילונג באַטייליקן זיך יונגע מענטשן, וועלכע האָבן אַן אינטערעס אין יידישע פּראָבלעמען אָבער זיי קענען זיך נישט אויסדריקן אין יידיש. די ענגלישע אָפּטיילונג ברענגט אויך רעגולער אָפּשאַצונגען וועגן יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן וועלכע לעבן און שאַפן אין אויסטראַליע, ווי אויך אָפּשאַצונגען וועגן ביכער אויף יידישער טעמאַטיק.

מיטן שאַפן דעם זשורנאַל האָט די „קדימה״ זיך געשטעלט דעם ציל צו דערמוטיקן יידישע פען־מענטשן צום שאַפן דורך געבן זיי אַ טריבונע פאַר זייערע געדאַנקען און קינסטלערישן אויסדרוק. דער זשורנאַל דערמעגלעכט אַ ברייטע דיסקוסיע און קאָמענטאַרן וועגן יידישע און אַלגעמיינע פראַגן, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט יידישער פּראָבלעמאַטיק.

די רעדאַקציע איז היי־יאָר באַשטאַנען פון: מ. אייזענבוד; י. לעווין; סענדער בורשטין און וו. יאַבלאָנסקי. אַדמיניסטראַציע: י. ווינקלער; וו. יאַבלאָנסקי; ח. שטייער.

אין די 5 נומערן האָבן זיך געדרוקט אַרטיקלען, לידער, דערציילונגען און עסייען פון: מ אייזענבוד; ד״ר מ. פּערשטענדיק; י. אָרבאַך; א. זילבער; א. ציקערט; י. מ. לעווין; ה. באַכראַך; ש. בענעט; וו. יאַבלאָנסקי; מגר. בן־ציון פעלדשוה; ח. מאַלטינסקי; י. ראָזענבערג; לאה זילבער; יודל מאַרק; ה. גלעזער; בערל כהן, ל. אַלשינאָ; י. קאָפּע; מאַרק בעזבני; רחל שעכטער; ב. ווינער; סטעפאַ ראַבינאָוויטש; שלום ג.; ג. וואַסערמאַן; אריה ליפשיץ; דוד טאָקער; ד״ר אליהו שולמאַן; ד״ר אַ. ווײַנריב.

דער רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג איז ד״ר סערזש ליבערמאַן.

# יידישער קולטור־צענטער
# און נאציאנאלע ביבליאטעק
# „קדימה"

גענרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

**9 גארדאן סטריט, עלסטערנוויק**
**7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק**

---

## 71־טער טעטיקייטס־באריכט

### אמטן אין יאר 1982:

מר. י. שער — פרעזידענט
מר. י. אפעלאוויטש — וויצע־פרעזידענט
מר. וו. יאבלאנסקי — וויצע־פרעזידענט
מר. מ. אייזענבוד — ערן־סעקרעטאר
מר. י. ווינקלער — ערן־קאסיר
מרס. ה. ראזענבאום — געהילף פון ערן־קאסיר
מר. ה. באכראך — פארזיצער פון דער קולטור־קאמיסיע
מר. מ. אייזענבוד — פארזיצער פון דער רעדאקציע־קאלעגיע „מעלבורנער בלעטער"
מרס. ר. בלושטיין — פארזיצערין פון דער ביבליאטעק־קאמיסיע
מרס. ר. לעוויטא — פארזיצערין פון דער ווירטשאפטס־קאמיסיע
מר. א. דאפנער — פארזיצער פון יוגנט־אקטיוויטעטן
מר. ב. ווייסמאן — פארזיצער פון דער רעווידיר־קאמיסיע
מר. מ. טאפיאל — פארזיצער פון שאך־קלוב

מר. מ. בורשטין
מרס. ר. בוטלינסקא
מר. ח. בראון
מרס. ל. גאטליב
מר. ב. ווינער
מר. ה. נוסבאום
מר. מ. ראבינאוויטש
מר. ח. שולקלאפער
מר. ח. שטייער

סעקרעטארין — מרס. י. ווארשאווסקי
ערן־אדוואקאט — מר. ש. וואלסקי ל.ל.ב.
ערן־אוידיטאר — מר. שמחה בורשטין
ביבליאטעקארין — מרס. א. בערמאן
פארוואלטער — מר. י. טיגעל

## באריכט פון 71־טן טעטיקייטס־יאר

דעם אויבן־אן אין דער וועלט־פרעסע האבן אין יאר 1982 פארנומען — יידן. מיט באדויערן פארצייכענען מיר, אז דאס איז געשען אין צוזאמענהאנג מיט מערדע־רישע איבערפאלן אויף יידישע אינסטיטוציעס אין בעל־גיע, עסטרייך, פראנקרייך און איטאליע. אויסער די אפי־ציעלע ישראל־דיפלאמאטן, זענען אויך אומגעקומען צופעליקע יידן — מענער, פרויען און קינדער.

די מלחמה אין לבנון — די „שלום הגליל אקציע" פאר באפרייען די צפונדיקע ישראל־גרענעצן פון די כסדרדיקע פ.ל.א.־שיסערייען און אנפאלן, איז אויסגע־נוצט געווארן כמעט דורך אלע גרעסערע צייטונגען אין דער וועלט פאר לעגאליזירן אנטיסעמיטישע אפרופן און ארויסזאגונגען.

די מלחמה אין לבנון האט ארויסגערופן טיפן אומרו צווישן די יידן אין מעלבורן, צוליב דער גרויסער צאל יידישע קרבנות און אויך צוליב דער נעגאטיווער עפנט־לעכער מיינונג.

צו באלייכטן די געשעענישן זענען אין „קדימה" אויפ־געטראטן צוויי ישראלדיקע זשורנאליסטן: דוד שטאקפיש און חיים לאנדאו, וועלכע זענען געקומען קיין מעלבורן.

דער פארגאנגענער קולטור־סעזאן (זע דעם קאלענדאר) איז אויסגעפאלן ביז גאר אימפאזאנט און דערפאלגרייך. מיר האבן איינגעלאדן צוויי אויסלענדישע לעקטארן: יהודה עלבערג פון קאנאדע, וועלכער איז אויך אויפ־געטראטן אויף די אלגעמיינע געטא־אקאדעמיעס אין מעל־בורן און סידנעי, ווי אויך אויף א יוגנט־אקאדעמיע (אין ענגליש) און הרב קלעפפיש פון פאנאמא. מיט רעפעראטן זענען אויך ארויסגעטראטן איניקע מעלבערנער שרייבער.

די הויפט־טעמאטיק פון כמעט אלע לעקציעס, זענען געווען — תנכישע טעמעס, הגם מיר באמיען זיך אפצו־היטן דעם וועלטלעכן כאראקטער פון דער „קדימה". ארויסציען מסקנות (פאזיטיווע אדער נעגאטיווע) לאזן מיר איבער צו די מיטגלידער.

ביז גאר אנזעעוודיק אין היי־יאריקן קולטור־סעזאן, איז געווען דער דוד הערמאן טעאטער.

זיין ערשטער אויפטריט — א געמישטער פראגראם פון פילם און טעאטער איז געווען א געלונגענער.

דערמוטיקט פון דעם דערפאלג, האט דער טעאטער אויפגעפירט א ישראלדיקע פיעסע פון חנוך בר־טוב: „קום אהיים מיין זון", אונטער דער רעזשי פון ראזע טורקאוו. 6 פארשטעלונגען זענען פארגעקומען אין „קדימה"־טעאטער און איינע אין סידנעי.

הגם מיר האבן נישט צו פארצייכענען קיין עפנטלעכן ארויסטריט פון יוגנט־טעאטער, איז אבער נויטיק צו אונ־טערשטרייכן, אז דער יוגנט־טעאטער האט דאס יאר אינטענסיוו געארבעט ביים צוגרייטן די פארשטעלונג: „אנא פראנק" און ביים צוגרייטן א יוגנט־רעוויו: ראדיא־קאנצערט.

אין דער ארבעט פון „באארד אף דעפיוטיס" האבן זיך אקטיוו באטייליקט אונדזערע פארשטייער: סענדער בור־שטין, משה ראבינאוויטש און איצל אפעלאוויטש. פאר־שטייערין צו דער בילדונגס־קאמיסיע ביים „באארד" און צו דער קאמיסיע פאר אפהיטן די פארגאנגענהייט איז געווען די פרוי גאטליב.

די מיטגלידער פון „קדימה"־קאמיטעט, די פריינד באנא ווינער און וו. יאבלאנסקי (וויצע־פארזיצער) האבן זיך באטייליקט אין דעם צוזאמענפאר פון וועלט־ראט פאר יידיש און יידישער קולטור, וואס איז אין חודש מאי 1982 פארגעקומען אין מאנטרעאל. פריינד ווינער, וואס איז אויך

# מעלבורנער קולטור־כראָניק

מיט צופרידנקייט פאַרצייכענען מיר די אַקטיוויטעט פון יידישע שרייבער און קינסטלער, וועלכע האָבן אויפגעמאַכט אַ טיר, אין דער ענגלישער ליטעראַטור.

עס איז דערשינען דער ראָמאַן פון גדליה שאַיאַק: „דער ווידערשפעניקער" געוועבט אויף דער קאַנווע פון יידן אין פוילן, אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער.

דער ראָמאַן — הגם אַ בעלעטריסטיש־קינסטלערישע ווערק — פאַרמאָגט היסטאָרישע פאַקטן וועגן דער באַציאונג צווישן פּאָלאַקן און יידן אין פוילן, ווו יידן האָבן געלעבט קנאַפּע טויזנט יאָר.

מיטן אָפּשלוס פון דער טויזנטיאָריקער תקופה, באַקומט דער ראָמאַן אַ גאָר וויכטיקע באַדייטונג פאַרן יונגן דור, וואָס וויל (און דאַרף) קאָנען דעם אָפּשטאַם פון זיינע עלטערן.

✶

דאָס בוך — קינדער אין געטאָ — פון דער שרייבערין שבע גלאַס־ווינער האָט אין זיינער צייט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם דורך ברענגען צו דער עפנטלעכקייט די פאַקטן פון לעבן און אומקום פון קינדער אין לאָדזשער געטאָ.

אַצינד איז דאָס בוך דערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג אונטערן זעלבן נאָמען. דאָס בוך טראָגט אין זיך וואָגיקע עד־ראיה דערקלערונגען פון אַ שרייבערין, וועלכע האָט געלעבט און געליטן צוזאַמען מיט די קינדער.

עס איז אַ וויכטיקער און ערנסטערביישטייער צו דער חורבן־ליטעראַטור. דורך איבערזעצן עס אין ענגליש האָט שבע גלאַס־ווינער דערמעגלעכט אַז די יידישע יוגנט זאָל זיך קאָנען באַקענען מיט אַ טראַגישן אַספּעקט פון יידישן חורבן אין אייראָפּע.

דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון פּראָפעסאָר סאָל ליפּצין.

✶

קאַרל דולדיג — אַ סקולפּטאָר מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע — איז אַלט געוואָרן 80 יאָר. די דאָזיקע דאַטע איז אָפּגעצייכנט געוואָרן דורך אַ גרויסער אויסשטעלונג פון זיינע שאַפונגען, און ס'איז אויך דערשינען אַ קונסט־אַלבאָם.

קאַרל דולדיג — אַן עסטרייכישער ייד — האָט אין משך פון זיין שעפערישן לעבן געשאַפן ווערק אויף דריי קאָנטינענטן, און דאָס זעט מען אין זיינע ווערק.

צו דער געלעגנהייט זענען דערשינען אין דער אויסטראַלישער פּרעסע אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין לעבן און שאַפן.

די קאָלירטע וויטראַזש־פענצטער און עמבלעם אויף דער „קדימה"־געבידע, זענען די ווערק פון קאַרל דולדיג.

✶

דער קינסטלער טשאַרל איזן, וועלכער פאַרקערפּערט זיינע פאָלקסטימלעכע טיפּן אין מעטאַל, האָט אַרויסגעלאָזט אַ קונסט־אַלבאָם, ווו מיר באַקענען זיך מיט די בילדער פון זיינע שאַפונגען.

איזן, דער האַרעפּאַשניק, וועלכער האָט אַ לעבנלאַנג געקעמפט פאַר סאָציאַלן יושר, האָט אויך די אידייען אַריינגעבראַכט אין זיינע שאַפונגען, ספּעציעל אין זיינע יידישע מאָטיוון — ווייל איינער פון די מאָסן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט — איז די באַציאונג צו יידן.

איזענס שאַפונגען קאָן מען אַריינרעכענען אין דער קאַטעגאָריע פון פּרימיטיווער קונסט — זי פאַרמאָגט אָבער דעם כוח צו פאַראייביקן די וועלט פון אונדזער פאָלקסטימלעכקייט, וועלכע איז טראַגיש פאַרגאַנגען.

דעם אַריינפיר און די דערקלערונגען האָט געשריבן סטענלי ראָב. פאָטאָגראַפיע: בעני שטיפעל. טעכנישער צוזאַמענשטעל: פישל ראָזענבוים.

✶

פון אַן ענלעכן כאַראַקטער איז דער שיינער קונסט־אַלבאָם פון וואָלאָווסקי, וועלכער קאָנצענטרירט זיך אויף ליים־סקולפּטורן פון טיפּן פון יידישן שטעטל.

וואָלאָווסקי האָט באַוויזן אין יעדן טיפּ אַרויסברענגען דאָס כאַראַקטעריסטישע, און עס פאַראייביקן.

דורך דער גאַלעריע טיפּן וועלכע וואָלאָווסקי האָט געשאַפן — איז פאַראייביקט די וועלט פון אונדזער נעכטן — און פון אונדזער נאָסטאַלגיע.

✶

פּראָפ. סאָל ליפּצין — לערער, לעקטאָר, שרייבער — דער מענטש וואָס איז שוין קנאַפּע 60 יאָר פאַרבונדן מיט יידישער ליטעראַטור (אין ענגליש) איז אַלט געוואָרן 80 יאָר.

פּראָפ. ליפּצין האָט אַ נאָענטן שייכות צו מעלבורנער קולטור־נייעס: ער האָט אָנגעשריבן פאָרווערטער צו ביכער־איבערזעצונגען פון יידישע שרייבער אין מעלבורן.

צווישן פּראָפ. ליפּצינס וויכטיקסטע ווערק (וויכטיק — פאַר דער יידישער ליטעראַטור) זענען די דריי ביכער וועגן געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, צוויי אין ענגליש און איינס אין דייטש.

די לעצטע צען יאָר פאַרנעמט זיך פּראָפ. ליפּצין, וועלכער וווינט מיט זיין פרוי אין ירושלים, מיט תנ"ך־פאָרשונגען, און איז זייט 1972 אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון ענגלישן זשורנאַל פאַר ביבל־פאָרשונג „דוד לדור".

ביז היינט האָט פּראָפ. ליפּצין אָנגעשריבן 19 ביכער; 130 עסייען (אין ענגליש), 39 פאָרשאַרבעטן (אין יידיש) און צענדליקער אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער.

צווישן די אַמטן, וועלכע פּראָפ. ליפּצין האָט פאַרנומען אין אַמעריקע איז געווען דער אַמט פון אַקאַדעמישן סעקרעטאָר פון ייוו"אָ — צווישן די יאָרן 1933־64.

ווינטשן מיר אים אויף להבא — זיין שעפעריש עד מאה ועשרים.

א.

ש. בענעט

# לאָקאַלע קאָמענטאַרן

„אַנטי־דעפאַמישאַן” איז אַ געזעץ וואָס עקזיסטירט אין אויסטראַליע שוין גאָר אַ לאַנגע צייט. לויט דעם געזעץ קען אַ פּערזאָן אָנקלאָגן אַ צווייטע פּערזאָן פאַר באַליידיקנדע אויסדרוקן אין וואָרט אָדער אין דרוק. אַזאַ מין „לייבל”־אָנקלאַגע האָט צו טאָן מיט פאַרשוואַרצן אָדער פאַרקריפּלען אַ מענטשנס רעפּוטאַציע, רעליגיע אָדער ראַסע.

עס האָט לעצטנס געטראָפן אַ פאַל אין מילדוראַ — אַ שטאָט אין צענטראַל וויקטאָריאַ, וווּ עס געפינען זיך אַ סך איטאַליענישע פאַרמערס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ווייַנטרויבן פּלאַנטאַציעס.

האָט אַן אויסטראַלישע צייטונג אין מילדוראַ אָנגעשריבן וועגן זיי אַ באַליידיקנדיקן אַרטיקל. אינעם אַרטיקל ווערט אָנגעגעבן אַז איטאַליענישע פאַרמערס פאַרנעמען זיך אויך צווישן אַנדערע מיט געהיימע פּלאַנטאַציעס פון נאַרקאָטישע געוויקסן, אַ דאַנק וועלכע זיי ווערן אַזוי שנעל רייך.

דאָס אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל, פול מיט פּראָטעסטן און פּעטיציעס קעגן די צייטונגס־אַרויסגעבער, אינטערווענצן ביים מיניסטער פאַר עטנישע ענינים. אָבער ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז דאָס „לייבעל” געזעץ אין אויסטראַליע נאָר גילטיק קעגן אינדיווידועלע פּערזאָנען און נישט קעגן אָרגאַניזאַציעס אָדער גרופּן. סטייט־מיניסטאָרן פון עטנישע ענינים אין וויקטאָריע, נ.ס.וו., אין סאַוט אויסטראַליע, ווי אויך די פעדעראַלע רעגירונג ווילן ענדערן דאָס געזעץ אַז אויך נאַציאָנאַלע גרופּעס זאָלן קענען אָנקלאָגן אין געריכט קעגן באַליידיקונג פון זייערע נאַציאָנאַלע געפילן.

צווישן די אַמאָמיינסטנס געטראָפענע נאָך איטאַליענער זענען יידן, וועלכע ווערן באַליידיקט דורך געוויסע אויסטראַלישע מעדיא און אָרגאַניזאַציעס פיינטלעכע צו יידן. זיי פּראָפּאַגאַנדירן אומגעשטערט ווי צ״ב באַטלערס, גרופּעס, „טרי־סי־אַר”־ ראַדיאָ.

אויב דאָס געזעץ זאָל רעפאָרמירט ווערן וועלן אויך יידן זיין מער פאַרזיכערט קעגן באַליידיקנדיקער פּראָפּאַגאַנדע.

יידישע בירגער דאַרפן וועגן דעם אינטערווענירן ביי זייערע לאָקאַלע סטייט און פעדעראַלע דעפּוטאַטן, וועלכע פאַרטרעטן זייערע וואַל־ראַיאָנען אין פּאַרלאַמענט.

★

אויסטראַליע מאַכט איצט אַדורך אַ גרויסע טריקעניש. שוין עטלעכע יאָר ווי דער מאַנגל אין רעגן פאַרשאַפט גרויסע פאַרלוסטן אין אַגריקולטור און וואָל־פּראָדוקציע.

וואַסער איז אַ פּראָבלעם אין זאַמד־מדבריות, דאָס דאָס האַרץ פון אויסטראַליע איז די צענטראַלע געגנט, וואָס איז הייסער ווי די סאַהאַראַ געגנט.

ביז איצט האָט מען די טריקעניש נישט געפילט אין די גרויסע שטעט, ווי סידנעי, מעלבורן, אַדעלייד א.א.וו. אָבער לעצטנס ווען די וואַסער־רעזערוואַרן האַלטן אין איין פאַלן, איז שוין אפילו באַדראָט די שטאָטישע באַפעלקערונג.

לעצטנס האָט די אויסטראַלישע רעגירונג איינגעזען, אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע, האָט מען איינגעלאַדן ישראל וואַסער־עקספּערטן, צו העלפן געפינען אַ לייזונג צום וואַסער־פּראָבלעם.

די ישראל דעלעגאַציע באַשטייט פון 8 עקספּערטן, וועלכע באַזוכן די שטאַטן פון נ.ס.וו. און וויקטאָריע. די ישראל־עקספּערטן וועלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג ווי אַזוי מען דאַרף פּרעזערווירן און קולטיווירן די וואַסער־רעזערוון פאַר אַגריקולטור, אינדוסטריע און איריגאַציע.

מדינת ישראל איז היינט איינס פון די אַמאָמיינסטנס פּראָגרעסיווע לענדער ווו די וויסנשאַפט צו פּרעזערווירן וואַסער איז שטאַרק אַנטוויקלט. פון אויסלאַנד קומט מען קיין ישראל איינשאַפן דערפאַרונג וועגן איריגאַציע און אַנדערע וואַסער־פּראָבלעמען וועלכע פּלאָגן היינט צו טאָג לענדער אין אַפריקע, אַזיע, אַמעריקע און אויסטראַליע.

פאַראַיאָרן האָט די קווינסעלנדער רעגירונג אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט ישראל וועגן בויען אַ פאַבריק צו פּראָדוצירן כעמיקאַלן פאַר אַגריקולטור. די ישראל דעלעגאַציע וועט זיין די געסט פון דער אויסטראַלישער רעגירונג פון 8־טן ביז 16־טן פעברואַר ה״י.

פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען
זענען פאַראַנטוואָרטלעך
די מחברים גופא.

פרייהייט די רעכט פון אַ וויסנשאַפטלער צו עקספּערימענטירן און אַנטוויקלען זיין טעאָריע. יעדער פּרווו אים צו שטערן אָדער פאַרבאָטן עס צו טאָן, צוליב פּערזענלעכע אָדער פּאָליטישע אָדער קאָמערציעלע סיבות — איז אַ פאַרגוואַלדיקונג פון זיין אַקאַדעמישער פרייהייט.

אין רוסלאַנד האָט מען דעם ענין געמאַכט זייער פשוט: מען האָט ביי די יידישע אַקאַדעמיקער, וועלכע האָבן אָנגעגעבן אויף אַרויספאָר דערלויבעניש — אַנולירט זייערע אַקאַדעמישע דיפּלאָמען, און דורך דעם פאַרמאַכט דעם וועג פאַר ווייטערדיקע אַרבעטן. דאָס איז נאָך אַ ביישפּיל פון באַרויבן די אַקאַדעמיקער פון דער פרייהייט זיך אָפּגעבן מיט זייער שטודיעס.

אָבער ווען אין איטאַליע האָט מען אַרעסטירט אַ אוניווערסיטעט — פּראָפעסאָר, וואָס איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציע: די „רויטע בריגאַדע” — האָט מען אים אַרעסטירט ווי אַ בירגער, וועלכער טרעט אַרויס קעגן געזעץ, און מיט זיין אַקאַדעמישער פרייהייט האָט עס גאָרנישט צו טאָן.

אַז מען שמועסט: אָפּאָזיציע „אָן גרענעצן” איז נישט שייך . . .

מעם

אַריינגעבראַכט אין די קאָנסטיטוציעס פון אייראָפּעאישע לענדער דעם באַגריף: אַז אַלע בירגער דאַרפן געניסן פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט. זי האָט נישט געקאָנט מיט איין מאָל באַנעמען, אַז אויך יידן, ווי בירגער פון פראַנקרייך דאַרפן געניסן פון די נייע געזעצן.

די באַציאונג פון די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע זענען פון טעאָרעטישע טראַקטאַטן אַריבער צו פּראַקטיש איינפירן די אידייען אין לעבן, דורך ווערן די לעגאַלע, אויסגעווײלטע רעגירונגען פון זייערע לענדער (צום היפך פון די קאָמוניסטישע, וועלכע זענען געקומען צו דער מאַכט דורך פאַרכאַפּן זי מיט גוואַלד), האָבן — ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע „פאַרגעסן“ די יידן.

דאָס קומט בולט צום אויסדרוק פון זייער באַציאונג צו די געשעענישן אין מיטעלן מזרח, ווו זיי פאַרלאַנגען מען זאָל אָנווענדן די סאָציאַליסטישע דאָקטרין, אויסער פאַר מדינת ישראל — וואָס איר איינציקער חטא איז: זי איז אַ ידישע מדינה.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס ענדלעך האָבן זיך געפונען ידישע סאָציאַליסטן, וואָס פאַרלאַנגען סאָציאַליזם נישט בלויז פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, נאָר ספּעציפיש — אויך פאַר ידן.

אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג האָבן מיר באַמערקט אַן אַנאָנס וועגן אַ פּייערונג, אין וועלכע עס האָבן פיגורירט די צוויי סימבאָלן וועלכע מיר ברענגען דאָ.







דאָס האָט ביי אונדז אַרויסגערופן די אַסאָציאַציע צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, ווי אַ נייע ווענדונג, וועגן וועלכער מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז סאָציאַליזם קאָן אָננעמען, און אַז מיר וועלן דאַרפן געפינען אַ נייע כאַראַקטעריסטיק פאַרן סאָציאַליזם: סאָציאַליזם מיט אַ ידיש פּנים...

### אָפּאָזיציע „אַן גרענעצן“...

אין אַ ידישן זשורנאַל וואָס דערשיינט אין ישראל, און וועלכער ספּעציאַליזירט זיך אין אָפּאָזיציע (אַן אונטערשייד וועלכע רעגירונג ס'איז ביי דער מאַכט) האָבן מיר געפונען פאָלגנדע נאָטיץ:

### „אַקאַדעמישע פרייהייט“

„אַקאַדעמישע פרייהייט איז אַ פאַרהייליקטער פּרינציפּ אין דער דעמאָקראַטישער וועלט, דערונטער אויך אין ישראל. אין נאָמען פון אָט דעם פּרינציפּ איז ישראל אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פאָרומס אַרויסגעטראָטן קעגן דער פאַרגוואַלדיקונג פון דער אַקאַדעמישער פרייהייט און קעגן רודפן ידישע וויסנשאַפטלער אין ראַטנפאַרבאַנד אא״וו.

אָבער דער דאָזיקער עטישער פּרינציפּ איז חל אויף אַלעמען — נאָר נישט אויף אונדז אַליין, אויב דאָס איז נוגע די פּאַלעסטינעזער אָדער ווען עס איז אויף די אָקופּירטע שטחים. אמת, די רעגירונג פון ישראל טרוימט צו אַנעקסירן די דאָזיקע שטחים און „דערטיילן אירע איינוווינער גלייכע רעכט מיט אַלע בירגער פון דער מדינה“, ווי עס טענהן אירע פירער, דערווייל אָבער פירן זיי זיך ווי אָקופּאַנטן לויטן נוסח פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

22 אויסלענדישע לעקטאָרן אין די אַראַבישע אוניווערסיטעטן אין שכם. אין ביר־זית און אין בית לחם זענען ביז איצט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד און נאָך בערך הונדערט האָבן דערהאַלטן אַ שאַרפע וואָרענונג פון דער ישראלדיקער פאַרוואַלטונג איבער די אָקופּירטע שטחים, אַז אויך זיי דערוואַרט דער זעלבער גורל, אויב זיי וועלן נישט אונטערשרייבן די דעקלאַראַציע, אַז זיי זענען קעגן דער אַב״פּ (פּ.ל.אָ. אָדער אש״ף).

אפשר מיינט טאַקע די אָקופּאַציע־פאַרוואַלטונג דורך דערשטיקן די אַקאַדעמישע פרייהייט און דורך שליסן די הויכשולן אויף די שטחים צו לייזן דאָס פּאַלעסטינער פּראָבלעם? — לויט דער „חכמה“ פון איר פּאָליטיק און לויט אירע האַנדלונגען, איז דאָס אויך איר צו גלויבן...“

דער פּאַראַדאָקס פון אונדזער צייט באַשטייט אין דעם, וואָס אַ פּשוטער אַרבעטער דאַרף געבן אַ לעקציע דעם מחבר פון דער נאָטיץ, אַליין אַן אַקאַדעמיקער, וואָס אַזוינס עס איז אַקאַדעמישע פרייהייט.

לאָמיר אים דערציילן וועגן סאַמע כאַראַקטעריסטישן פאַל: דעם סאָוויעטישן אַקאַדעמיקער ליסענקאָ, וועלכער האָט אין 1929 אַנטוויקלט אַ טעאָריע וועגן תבואה־קערנער און זייער פאַרזיי, כדי צו הייבן די גערעטעניש. די דאָזיקע טעאָריע האָט שטאַרק אויסגענומען ביי סטאַלינען, כאָטש דער עקספּערימענט האָט זיך נישט איינגעגעבן, און כאָטש אַנדערע וויסנשאַפטלער האָבן די טעאָריע באַצייכנט ווי וויסנשאַפטלעכער שווינדל. אין 1939 איז ליסענקאָ געוואָרן דירעקטאָר פון גענעטיקס און פּרעזידענט פון דער לענין אַקאַדעמיע פאַר אַגריקולטור. אַדאַנק זיין איינפלוס האָט מען פאַרבאָטן צו לערנען אָדער פּראַקטיצירן נישט - רוסישע גענעטיק - פּרינציפּן אין סאָוויעטישע אינסטיטוטן און עקספּערימענטאַלע באַזעס. די וויסנשאַפטלער וואָס האָבן נישט אָנערקענט די טעאָריע, האָט מען שווער געראָדפט.

אין מיין בוך (זאָגן די ענגלענדער) מיינט אַקאַדעמישע

שמעקעוודיקע זייף און קאלאנסקע וואסער... בלויז דאס? דא האט איר א גאנצן אפטייק.

וואס עס האט מיר אויסגעזען ממש אומגלויבלעך זענען די קוישן מיט געבעקס, וואס זענען געשטאנען אויפן בופעט און יעדער איז צוגעגאנגען, גענישטערט צווישן די זעמל, (געוווען לעצטנס א ידיעה, אז מ'האט עס שוין פארבאטן, אפילו באשטראפט) גענומען אין האנט א זעמל, זי אויסגעטאפט, געפרוווט צי זי איז גענוג אויסגעבאקן, צי זי קנאקט אין די הענט, אוועקגעלייגט זי... געפרוווט א צווייטע, ביז זי האט דערזען א מער אויסגעברוינטע וואס איז איר בעסער געפעלן, ערשט די האט זי גענומען... באצאלט פאר איר און אריינגעלייגט צו זיך אין קוישל. אן א בייטעלע, אן פאפיר (פון א פלאסטיק בייטעלע ווי ביי אונדז איז שוין אפגערעדט...)

איך האב גענומען א ברויט, באצאלט, און ווארט דער קרעמער זאל עס מיר פארפאקן, כ'וועל דאך נישט גיין מיט א ברויט אין האנט איבער דער גאס. דערלאנגט ער מיר א שמאל פאסיקל ביבולע־פאפיר, וואס האט 2 אינטשעס די ברייט און מען קאן דערמיט בלויז ארומנעמען דאס ברויט מיט די פינגער. בלייב איך שטיין פארחדושט און טראכט, אז דער קרעמער לאכט פון מיר. א טוריסט, און ער דערקענט שוין זייער גוט ווער עס איז א טוריסט... איז מאכט ער זיך מיט מיר א שפאס, אדער ער איזדיעקעוועט זיך איבער מיר, פאר דעם שווילטאג, וואס מיר האבן דא אין אויסטראליע.

עס שטייט נעבן מיר א פרוי און קויפט פארשידענע זאכן און כ'זע ווי דער קרעמער נעמט ארויס פון א שופלאד א גראבן פארפעצטן ברוליאן. דער אויבערשטער טאול איז שוין אפגעריסן, נישטא. און דאס זייטל איז פארשריבן מיט קליינע אותיות, וויזט אויס די ארטיקלען און דאטעס, ווען עס איז געווארן געקויפט. דאס אלץ בין איך איך מוחל. נאר צום סאמע ווארשע האבן מיך צוריקגעברענגט די פארקנייטשטע ווינקלען פונעם ברוליאן, וואס זענען געוועזן פארבויגן, פארשמאלצן, פארקנייטשט איינער אינעם אנדערן. דער קרעמער נעצט אין דעם גראבן פינגער מיט שפייעכץ, מישט אויף אין דעם פארקנייטשטן קנויל א בלעטל, ווישט אפ דעם פינגער אינעם כאלאטל און מיט א בלייער פארשרייבט ער דעם פרישן חשבון. דעם בלייער לייגט ער דערנאך אונטערן אויער און נעמט זיך ווידער באדינען די אנדערע קונים.

הייסט עס, מען פארקויפט אין קרעמל אויף בארג ווי אמאל אין דערהיים. און קוקנדיק אויפן קרעמער ווי ער שרייבט דעם חשבון האב איך זיך דערמאנט אין אונדזערע קרעמל־סוחרים, ווי מען האט זיי גאנץ אפט געכאפט אז זיי פלעגן צושרייבן צום חשבון און די מאמעס פלעגן זיך וווּנדערן, פון וואנען האט זיך עס גענומען אזא גרויסער רעכענונג? אבער מען האט מערסטנס געמאכט א שוויג און גארנישט געזאגט דעם קרעמער, ווייל ער קאן זיך חלילה באליידיקן און מער נישט וועלן בארגן. און שטענדיק איז דאך געבליבן נאך אן עקעלע, א נישט באצאלטס פון דער פריערדיקער וואך.

ווען מען פרעגט מיך דעמאלט, שטייענדיק אינעם קרעמל וואס איז דיר אין ישראל צום מערסטן געווען אינטערעסאנט צו באזוכן, הגם באזוכט האב איך זייער א סך, געזען די פרעכטיקע געוועלבער, דאך וואלט איך געענטפערט — דאס קרעמל מיט די פארקנייטשטע בלעטלעך פונעם ברוליאן.

# פארבייגייענדיק...

סאציאליזם מיט א יידיש פנים?

אומדערוואַרטע פאליטישע ענדערונגען צווינגען די, וועלכע דארפן אינפארמירן, אדער זיי קאמענטירן, צו שאפן נייע באגריפן און אויסדריקן, וועלכע זאלן קאנען פינקטלעך באצייכענען די דאזיקע ענדערונגען, נישט איבערשפאנענדיק די ראמען פון לאגיק.

לאמיר נעמען ווי א בײַשפּיל: די אינוואזיע פון די קאמוניסטישע ארמייען פון מזרח־אייראפע אויף טשעכאסלאוואקיע, וואס איז צו יענער צייט (פונקט ווי היינט) געווען א קאמוניסטיש לאנד, הגם אין טשעכאסלאוואקיע איז נישט פארגעקומען קיין מלוכה־איבערקערעניש, און די קאמוניסטישע פארטיי איז ווייטער געזעסן ביים רודער.

די סיבה פון דער אינוואזיע האט די מערבדיקע פרעסע געזען אין דעם, וואס דער פירער פון טשעכאסלאוואקיע דובטשעק האט געוואלט ענדערן דעם מהות פון קאמוניזם, דורך געבן אים א מענטשלעך פנים.

דער באגריף קאמוניזם, אין זיין נאטירלעכער פארם, הייסט עס — איז א סינאנים פון פאליטישער דיקטאטור, ברוטאלער יוסטיץ; קולטורעלע גלייכשאלטונג; איינדיטיקע, פראפאגאנדיסטישע פרעסע; אונטערדריקונג פון נאציאנאלע מינדערהייטן און זייערע נאציאנאלע שטרעבונגען (אגב, גאראנטירט לויט דער סאוויעטישער קאנסטיטוציע). מיט איין ווארט: אלע ווערטן וועלכע א הומאניסט און דעמאקראט באטראכט ווי אן אומגליק פון דעם מענטשן, זענען פארקערפערט אין קאמוניזם. האט דובטשעק געוואלט אוועק פון קאמוניזם? האט דער אומגעבראכטער קאמוניסטישער פירער פון אונגארן אימרע נאדזש געוואלט אוועק פון קאמוניזם? זיי האבן אים בלויז געוואלט ענדערן אויף אזוי פיל, ער זאל קאנען אקצעפטירט ווערן אין מערב, ווי א ציוויליזירטע אידעאלאגיע. און אזוי איז אנטשטאנען א נייער פאליטישער טערמין: קאמוניזם מיט א מענטשלעך פנים.

וויזט אויס אז די ראנגלענישן און ווידעראנאנדן (פאליטישע, מיליטערישע, פילאסאפישע) אין אונדזער יארהונדערט, וואס האבן היפשלעך צוריקגעדרייט דאס ראד פון ציוויליזאציע, האבן אויך נישט אויסגעמיטן דעם פילאסאפישן קאנצעפט פון סאציאליזם.

די פראנצויזישע רעוואלוציע, די וואס האט די ערשטע

מענטש צו א העכערער געזעלשאפט. עסטעטיק מאכט דעם מענטשן פילן אז ער איז א גאט, צו ווערן אליין א שטיק קונסט. אזוי ארום ווערט דאס לעבן דער סוביעקט פון כבוד פון דעם העכסטן ווערט. די גריכן האבן געגלויבט אין די טייערסטע און בכבודיקסטע געטער. וואס מער כבוד די גיבן אפ געטער, מער כבוד און אנזען קאנען די באהאלטן פאר זיך אליין. די טראגישע דראמעס וועלכע זענען אויסגעפירט געווארן ביי גריכישע פאטעטן האבן געהאט איין־איינציקן ציל: צו ווייזן די גריכן און אנדערע פעלקער דעם וועג ווי אזוי מען באהערשט פעסימיזם מיט קונסט און עסטעטיק. ניטשע אנערקענט קונסט און נישט מאראליטעט. דאס איז א מעטאפיזישע אקטיווויטעט פון מענטשן. דערפאר איז גאט אן ארטיסט אין קאנסטרוקציע, אזוי גוט ווי אין דעסטרוקציע. קוקן מיר אויף די גריכישע געטער, אויף דער אלימפיאדע. קיינס לייגט נישט פאר מאראל אלס ווערט. ס׳איז נישטא קיין חילוק צווישן גוט און בייז, אלץ וואס עקזיסטירט איז גוט.

ניטשע האט אויסגעפונען אז שאפענהויער וויסט דעם אמת, דעם סוד וועגן לעבן פון מענטשן. דאס לעבן איז טראגיש. פארוואס נישט ענדיקן דאס נארישקייט? די איינציקע זאך וואס האט נישט קיין מעגלעכקייט פטור צו ווערן פון דעם ווילן צום לעבן, איז דער ווילן אליין. דער ווילן צום לעבן קען פארביטן ווערן מיט דעם ווילן צו רעגירן, צו הערשן. צו זיין שטארק. פארוואס נישט העלפן איינצונעמען פראנקרייך; צו פאראייניקן דייטשלאנד; צו מאכן א שטארקע אייראפעאישע ארמיי און צו מארשירן שטאלץ אין אייראפע? פארוואס נישט באהערשן דעם מזרח און פאראייניקן אזוי פיל לענדער און פעלקער צו די דייטשן?

שאפענהויער האט אריינגעבראכט עפעס נייעס וואס מען האט עס ביז דאן נישט אנערקענט — בודאי! פארוואס נישט נעמען זאראטוסטרא און מאכן פון אים א גאט! ניטשע אליין דערקלערט, פארוואס ער האט גענומען זאראטוסטרא: זאראטוסטרא איז געווען דער ערשטער צו זען דעם קאמף צווישן גוט און שלעכט: זאראטוסטרא רעדט צו די מענטשן: „איך לערן דיך דעם סופערמענטש. מענטש איז געמאכט אזוי, אז ער זאל ווערן באזיגט. וואס האט איר געטאן, איר זאלט עס בייקומען?״. פאר ניטשען זענען נישט אלע מענטשן גלייך; ס׳איז פאראנען אן אריסטאקראטיע, סאציאל צעטיילט אין גרופן וועלכע האבן פריווילעגיעס, רעכט, און פליכטן. פאר ניטשען זענען די נידעריקסטע גרופע די ארבעטער. זיי וועלן בלייבן. זאראטוסטרא זאגט צו די מענטשן: איר זאלט ליב האבן שלום אלס א מיטל פאר נייע מלחמות, און דעם קורצן שלום מערער ווי דעם לאנגן. ניטשע האט פארביטן דעם ווילן צום לעבן מיט דעם ווילן צו רעגירן; צו שטיין אין שפיץ פון די מענטשן. די גרופע מענטשן וועלכע רעגירן האבן דאס רעכט צו פארלאנגען פון די אנדערע זיי זאלן זיך מקריב זיין פאר זיי.

---

רחל בעקער

# דאָס קרעמל אויף קינג דזשאָרדזש גאַס...

## (רייזע־איינדרוקן)

אנצוקוקן דאס קרעמל איז די בענקשאפט פון יעדן ווארשעווער. ווער פון אונדז לעבנגעבליבענע וויל נישט אנקוקן זיין געבוירנשטאט און איבערלעבן נאכאמאל זיין יוגנט. אנקוקן און זיך דערמאנען, און נאכאמאל אויפסניי איבערלעבן דאס פארגאנגענע. אנקוקן און זיך דערמיט פרייען. אזא איבערלעבונג מאכט מסתמא אדורך יעדער ווארשעווער, וואס קומט קיין תל־אביב און גייט אריין אינעם קרעמל אויף קינג־דזשארדזש־גאס.

דאס ווארט קרעמל, נעמט זיך פונעם ווארט קראם. קראם האט געמיינט א געשעפט. עס איז אבער געווארן א פאלקס־ווערטל. זעלטן ווער ס׳האט געזאגט: כ׳האב א מאנופאקטור געשעפט. ניין. מען האט געזאגט: איך האב א מאנופאקטור־קראם. כ׳גיי אין שפייז־קראם... איך האב פארמאכט די קראם. אבער קרעמל איז עפעס אזוינס ווי גרינגגעשעצט. עפעס, ווי מ׳גיט א מאך מיט דער האנט־ווייסעך וואס, עפעס א קרעמל!

האב׳ך געבענקט אנצוקוקן דאס קרעמל נאך איידער כ׳בין געקומען קיין ישראל. מענטשן האבן מיך פארזיכערט, אז אויב כ׳וויל זען ווארשע — זאל איך פארן קיין תל־אביב.

כ׳האב אויפגעזוכט דאס קרעמל. עס איז גאר א פיצינקע. קוים 2־3 מענטשן קענען אריינגיין, ווייל אינעווייניק שטייען אנגעשטעלט קאסטנס מיט מילך און ליידיקע קאסטנס פון מילך. 2־3 קישן מיט זעמל און ברויט. פאראן דארט צוויי בופעטן. הינטער יעדן בופעט שטייט א קרעמער. זיי זענען מסתמא צוויי שותפים. אין דעם קרעמל קענט איר קויפן אלץ וואס אייער הארץ פארלאנגט. אנגעלייגט, אנגעפאקט איז דארט אומעטום; אויף די פאליצעס, אויפן פענצטער, אונטערן פענצטער, אויף דער ערד. אז איר קומט אריין קענט איר זיך נישט א באוועג־טאן. איר קענט בלויז בלייבן שטיין אויפן ארט און זיך הייסן דערלאנגען, וואס איר ווילט פון הינטערן בופעט.

די קרעמער, צוויי קליינע ייִדעלעך, קוים מען זעט זיי ארויס ווייל די בופעטן זענען אויך פארלייגט און פארשטעלט מיט פארשידענע שפייז־ארטיקלען; ווי, פעקלעך מיט רייז, לאקשן, קאשע, מצות, ראזשינקעס, בעבלעך, און וואס דען נישט? אריינגעקומען און געטראכט, אז דא פעלט בלויז עס זאל נאך שטיין א פאס מיט הערינג, ווי מען פלעגט דאס זען אין ווארשע אויף דער וואלינסקי גאס. בלויז דאס איז געווען דער אונטערשיד, וואס אויף דער וואלינסקי איז געווען בלויז הערינג צו פארקויפן, און דא איז פאראן אפילו

לעבעדיקער וועלט. אונדזער לעבן איז אַ חלום און האָט נישט קיין שום זין, און קיין שום ווערט. נאָר צרות און יסורים, דינען דעם אינהאַלט פון לעבן. „דאָס לעבן פון יעדן אינדיווידואַל — אויב מיר קוקן אויף אים אַלס אַ יחיד, וואָס לייגט נאָר אַכט אויף די וויכטיקסטע אמתן זעט אַלעמאָל נאָר אַ טראַגעדיע. ערשט דעמאָלט ווען מיר גייען איבער צו פרטים, קאָנען מיר באַמערקן אַ קאָמעדיע".

מיר האָבן געוויסע אמתן אין אונדזער וועלט וועלכע זענען זייער שווער צו איבערטראָגן. דער ערשטער אמת איז פאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. די מענטשלעכע עקזיסטענץ איז פול מיט לײדן, יסורים. „ווען איך בין געווען נאָך יונג, בין איך געוואָרן געכאַפּט, אָנגעגריפן פון דעם לעבן, ווי בודאַ אין זיין יוגנט, מיט קראַנקהייט, עלטער, שמערץ און טויט. די וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פילאָסאָפירן זאָגן, אַז דאָס וווּנדערן זיך איז דער אָנהויב, דער יסוד פון פילאָסאָפירן. שאָפּענהויער זאָגט, אַז דאָס וווּנדערן זיך איז מער אַן אָנהויב פון זען וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט.

שאָפּענהויער זעט אויס מער פעסימיסטיש ווי אפילו בודאַ אַליין ווען ער זאָגט, אַז אונדזער וועלט איז די שלעכטסטע אונטער די מעגלעכקייטן. דער ווילן צום לעבן איז נישט אָפּהענגיק פון רוים, צייט. דער ווילן איז די זאַך וועלכע רעגירט אין אונדזער וועלט. יעדע מענטשלעכע האַנדלונג, יעדע מענטשלעכע אַקטיוויטעט באַשטייט אין דעם איבערגאַנג פון צושטאַנד אַ, צום צושטאַנד ב. דער צושטאַנד ב ווערט רעאַליזירט אַזוי לאַנג ווי דער מענטש איז מער פאַראינטערעסיט אין ב, ווי אין אַ.

דער ווילן איז דער פּרינציפּ פון דעם אוניווערס, און דער אַנערקענטער ווילן צום לעבן איז דער עיקר אין אונדזער וועלט.

שאָפּענהויער האָט דערציילט וועגן אַ פריינד וועגן בודאַ: „בודאַ איז נישט געווען קיין שטובן־געלערנטער, נישט קיין דייטשער פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע, נאָר אַ פילאָסאָף פון גאָטס גענאָד". דער פריינד שרייבט: ווייל ער האָט גערעדט צו מיר מיט פאַרערונג, האָב איך געמוזט אים אויסהערן. מיט אַ יאָר שפּעטער איז דער זעלבער בודאַ געווען געמאָלט ביי אַ מייסטער מיט עכטן גאָלד.

אין זיין שפּעטערדיקן שרייבן האָט שאָפּענהויער דערקלערט, אַז ער איז פאַרפליכטעט צום בודיזם און בראַמאַניזם. ווען ער האָט אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע מאָל די אויסגאַבע פון „די וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג" האָט שאָפּענהויער געהאַט מער אינפאָרמאַציע וועגן דער אופּאַנישאַדאַ.

שאָפּענהויער איז ביי דער מיינונג, אַז פּיטאַגאָרעס (גריכישער מאַטעמאַטיקער — רעד.) האָט אויף זיינע רייזעס און וואַנדערונגען, וועלכע האָבן געדויערט מער ווי דרייסיק יאָר, נישט נאָר געווען אין עגיפּטן, נאָר אויך אין בבל, פון וואַנען ער איז געגאַנגען קיין הינדאָסטאַן, און דאָרטן געזען צום ערשטן מאָל דיין נייע תורה. דאָרט איז צום ערשטן מאָל באַוווּסט געוואָרן די טיפע ציוויליזאַציע און דער בונד צווישן עגיפּטישע און די אינדישע קולטורן. ס'האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען מער בולטער, די דערקלערונגען פון דעם „טעסטאַמענט".

דער משיח מיינט „וועלטלעכער קעניג" און שפּעטער ווען דאָס האָט אָנגענומען אַן אַנדערע ריכטונג, האָבן אַנדערע מיט דער פּערזאָן פון יעזוס פאַרבונדן בודיסטישע אידייען, און האָבן אָנגעהאַנגען יעזוסן בודיסטישע מאָראַל.

שאָפּענהויער גלויבט, אַז דער עטישער אינהאַלט פון קריסטנטום איז געוואָרן בודיסטיש. יאָרדאַנאָ ברונאָ און בענעדיקט שפּינאָזאַ וועלכע זענען לויט שאָפּענהויערן געבוירן געוואָרן אין די פאַלשע דורות און אין נישט ריכטיקע ערטער. שאָפּענהויער זאָגט צו זיי: „אייער גייסטיקע היימאַט איז געווען הינדאָסטאַן!"

ניטשע קאָנצענטרירט זיך אויף דעם סטודיום פון דער גריכישער שפּראַך ווייל פילאָלאָגיע, איז געווען זיין פּראָפעסיע אַלס אַ פּראָפעסאָר אויף דעם אוניווערסיטעט אין באַזעל. אַלס אַ רעזולטאַט פון זיין פּראָפעסיע האָט ער פאַרבראַכט מיט וויסנשאַפט, היסטאָריע, ליטעראַטור און קולטור פון די גריכן. ניטשע פּובליצירט זיינע געדאַנקען און זיינע רעזולטאַטן וועגן די גריכן אין אַ בוך וועלכעס איז געוואָרן באַרימט אונטער דעם נאָמען: „דאָס געבורט פון דער טראַגעדיע". ניטשע דערציילט ווען דאָס בוך איז אין אים געבוירן געוואָרן. ווען ער האָט דאָס בוך צום ערשטן מאָל פאַרטראַכט האָט ער די אידייען פון דעם בוך באַקומען אין דעם פּעריאָד פון דער פראַנקאָ־דייטשער מלחמה 1870־71, „ווייל די מלחמה־חולות האָבן זיך געקייקלט איבער די פעלדער, אויף די אַלפּן, האָט זיך עמיצער אויפגעזעצט דאָרטן און געשריבן וועגן די גריכן".

די צווייטע פראַגע, אויף וועלכער ניטשע באַמיט זיך צו געפינען אַן ענטפער איז: ווי אַזוי איז דער אָנהויב פון דער גריכישער טראַגעדיע אָדער די דראַמאַטישע טראַגעדיע געקומען אין לעבן. פון וואַנען איז די טראַגעדיע אויפגעשפּרונגען? וואָס איז דער כאַראַקטער און ציל פון דיאַנוזאָן? האָבן די גריכן ליב געהאַט שיינקייט פון אויפפירונג? טראַגעדיעס אַלס אַ רעזולטאַט פון זייער רואיקייט און פריילעכן וועג פון לעבן? ניטשעס ענטפער: די גריכן האָבן פּערפעקט גוט און זיכער געוווּסט די מיסטעריע און צרות פון מענטשלעכן לעבן, זיי האָבן געוווּסט אַז זיי לעבן אויף אַן אומרואיקן און נישט זיכערן באָדן. די בעסטע זאַך איז נישט געבוירן צו ווערן, און די צווייטע בעסטע זאַך איז צו שטאַרבן אַזוי שנעל ווי מען קאָן, כדי איבערצוקומען און באַקעמפן זייער פעסימיזם האָבן זיי געוואָלט שטאַרקן דעם אימפּולס פאַר שיינקייט. דאָס שטרעבן פאַר שיינקייט און שפּילעריייען האָט די גריכן צוגעגעבן מוט און גלויבן אַז די עקזיסטענץ אויף דער וועלט איז באַרעכטיקט אַלס עסטעטישער פענאָמען. כדי צו באַזיגן די שוואַכקייט, יסורים, לײדן פאַרשידענע צרות און זייער פעסימיזם איז צו שאַפן אַזעלכע געטער ווי „העלענאַ", „אַפּאָלאָ" און „דיוניזוס". זינגען און טאַנצן דערהויבט דעם

אברהם פשעדבאָרסקי

# צוויי לידער

דער שרייבער א. פּ. האָט געלעבט אין מעלבורן און זיך באַטייליקט מיט ערנסטע, ליטעראַרישע שאַפונגען אין די 2 נומערן „מעלבורנער בלעטער" 1953־1955. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין יידישן שרייבער־פאַריין. אַוועק אין דער אייביקייט מיט אַכט יאָר צוריק.

אין זיין אָנדענק ברענגען מיר צוויי לידער פון דעם לידער־בוך פאַרעפנטלעכט אין 1948, אין שטוטגאַרט.

## מיין האָפענונג

כ'האָב היינט אויף מיין וועג אַ ברודער באַגעגנט,
און באַגריסט אים האַרציק און פריידיק.
נאָר ער האָט נישט געגריסט מיך און נישט געזעגנט,
ווי מיר וואָלטן פרעמדע געוועזן פון אייביק...

כ'האָב דערמאָנט אים אָן נעכטיקן שוידער,
אָן בראַנד, וואָס האָט אונדז צוזאַמענגעשמאָלצן.
נאָר ער האָט נישט געהערט מיך און אַ טויבער
אַוועקגעגאַנגען אַ פרעמדער — אויף שטאָלצן...

ביטערע טרערן האָבן מיינע אויגן פאַרפלייצט,
די לעצטע וואָס כ'האָב נאָך פאַרמאָגט.
נאָר ער, מיין לעצטע האָפענונג און טרייסט,
האָט אַליין מיך געלאָזן מיט מיין קלאָג...

אָקטאָבער, 1946

## קום צו גיין, ברודער איינזאַמער

קום צו גיין, ברודער איינזאַמער,
מיר'ן פלעכטן די הענט און גיין צוזאַמען.

ס'וויל וועלט אונדזער ווי נישט זען, נישט הערן,
וועלן מיר ביידע צוזאַמען פאַר זיך ווערן.

מיין וויטיק איז דיינער, דיינער איז מיר אייגן,
וועלן מיר איינער פאַרן אַנדערן קלאָגן און שווייגן.

קום צו גיין, מיין ברודער פון לייד, —
אין וויסטע איז גרינגער זאַלבעצווייט.

וועט הונגער אונדז דערגרייכן אויפן וועג פון דערנער,
וועלן מיר אים זעטיקן מיט גלויבנס קערנער;

וועט הונגערס שותּף — דורשט אונדז באַפאַלן,
וועלן מיר אים שטילן פון האַרצנס קוואַלן;

וועט אויסקומען מיט חיה אויג אויף אויג צו בלייבן,
וועלן מיר קעמפן צוזאַמען — ווי ס'קעמפן לייבן;

און וועט אויסקויף נישט סטאַיען פאַר טויט גרויזאַמען —
וועט שטאַרבן זיין לייכטער פאַר ביידע צוזאַמען.

קום צו גיין, מיין ברודער פון לייד —
אין וויסטע איז גרינגער זאַלבעצווייט.

יאַנואַר, 1947

מגר בן־ציון פעלדשוה

# שאָפּענהויער און ניטשע

ווען ניטשע איז נאָך געווען אַ סטודענט אויפן אוני־ווערסיטעט אין לייפּציג האָט דאָס פּאַסירט: ניטשע איז געווען אין ראָנס געוועלב פון געניצטע ביכער, האָט ער גענומען שאָפּענהויערס בוך „די וועלט אַלס ווילן און אידייעס". ניטשע האָט נישט געוווסט וואָס פאַר אַ קראַפט האָט אים באַווירקט ער זאָל דאָס בוך קויפן. ווען ער איז אהיימגעקומען האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און זיך פאַר־טיפט אין די מחשבות פון דער פּעסימיסטישער פילאָ־סאָפיע, און דאָס בוך איז לאַנגזאַם אַריינגעדרונגען אין זיין קאָפּ.

פון יעדער שורה האָט ארויסגעשריגן די פאַרליי־קענונג פון דער וועלט. ניטשע האָט געפילט אין דעם בוך דעם טעראָר פון דעם אוניווערס. אויך דאָס לעבן איז רעפלעקטירט אין דעם זעלבן כאַראַקטער. ער דערציילט ווייטער: ער געהערט צו די לייענער ווען זיי לייענען אין זייט וויסן זיי גלייך, אַז זיי וועלן לייענען דאָס בוך ווייטער.

ניטשע האָט געלייענט: „דער וועלכער איז דער פירער פון דער וועלט איז נאַריש, אָן וויסן, און אָן פאַר־שטאַנד און אינטעליגענץ. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס די וועלט איז דער שפּיגל פון דעם ווילן. און אזוי ווי דער ווילן וויל נאָר לעבן — דערפאַר זאָגן מיר: דער ווילן צום לעבן, דער ווילן איז אַזוי ווי דער פילאָסאָף קאַנט דערקלערט אַ קאַטעגאָריע: אַ זאַך — אין — זיך — אַליין. „די וועלט איז מיין אידעאַל. — דאָס איז דער אמת וואָס איז גוט פאַר יעדע זאַך. דער מענטש אַליין קאָן דערפירן עס צו אַבסטראַקטן וויסן. דער מענטש האָט נאָר דעם וויסן, אַז ער פאַרמאָגט אַן אויג פאַר דער זון; ער האָט אַ האַנט און פילט די ערד. די וועלט וועלכע איז ארום דעם מענטשן איז נאָר אַן אידעאַל".

שאָפּענהויערס פּעסימיזם שטאַמט פון דעם וואָס ער נעמט אָן די גאַנצע לעבנס־רעאַליטעט אַלס טרויעריק און פּעסימיסטיש. שאָפּענהויער האָט געגלויבט אַז דאָס לעבן איז שלעכט און נוצלאָז, אָבער ס'איז גאָרנישט מעג־לעך צו פאַרבעסערן דאָס לעבן. ס'איז אויסגעקומען, אַז שאָפּענהויער האָט אַנטדעקט אַ געהיימניש פון דער

ג. ביאַלילעוו

# אַלטער מאַן ביים פענצטער

(בילד)

מעלבורן — אַ גרויסע שטאָט. גאַסן, געסלעך. גאַסן שיינע, באַגרינטע. לוקסוס־הייזער שיינען אַרויס מיט זייערע נייע ציגעלעך, וועראַנדעס; גאַסן שיינע שטילע אַלעעס.

★

אָט זענען אַנדערע געגנטן; ערגעץ אין די אַלטע שטאָט־טיילן. גאַסן, גרויע, פאַבריקס־הייזער מיט פאַרקלעפּטע, בלינדע פענצטער. אָט איז אַ שמאָלע גאַס מיט אַ נידעריק, אַלט, אָפּגעלאָזן הייזל, טונקל גרוי; אַ קליין פענצטערל מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן געלן ראָלעט. דער דאַך צעקרימט מיט ברוינע, זשאַווערדיקע בלעכן ווי איינגעפאַלענע אַקסלען. די ווענט מיט אָפּגעהאַקטע ציגל — ווי ווונדן אויף אַן אויסגעמאַטערט געזיכט. די פעצטערלעך ווי טונקעלע, אומעטיקע שפּאַרעס, ווי מידע פאַרחלשטע אויגן. דאָס „קאָטעדזשל" האַלט זיך קוים איינגעגלידערט צווישן אַנדערע „קאָטעדזשלעך". אָט, אָט פאַלט עס איין מיטן לעצטן מידן קרעכץ אונטער דער לאַסט פון דער אייביק פליסנדיקער, גלייכגילטיקער צייט.

★

אין דער טונקלקייט פון פענצטערל זיצט אַן אַלטיטשקער מאַן, איינגעהויקערט מיט גריין גרויע צעפּלאָשעטע האָר, זיין פּנים צעאַקערט פון דורכגעלעבטע, שטורמישע יאָרן. פון זיין פּנים קוקן ארויס אַ פּאָר מידע אויגן. זיצט ער און קוקט אויף דער דרויסנדיקער, פאַרביילויפנדיקער וועלט; אויף די איילנדיקע מענטשן, פאַרביילויפנדיקע אויטאָס, שטיפערישע קינדער. אַלץ באַוועגט זיך, יאָגט זיך גיך, גיך. יעדער מענטש — אַ וועלטעלע. יאָגן זיך, פאָרן, גייען וועלטעלעך קליינע, גרויסע, אַלטע, יינגע, פאַרפלאָכטן יעדער מיט זיינע באַגערן און טרוימען. וויפל נישט פאַרווירקלעכטע טרוימען זענען געבליבן הענגען און זיי שוועבן אַרום אין דער וועלט? אָט שטרעק אויס די הענט און כאַפּ זיי... וואָס לויפן זיי, וואָס יאָגן זיי?... דאָס איז דאָס לעבן. לעבן הייסט לויפן, פליען, באַוועגן זיך, טרוימען. ער קוקט די צייט אין די אויגן אריין... ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ וואַכן אויף דערינערונגען אַזוי בולט. ערשט נעכטן, שול־יאָרן, בלויע פאַרחלשטע הימלען, פאַרכישופטע, גרינע וועלדער. ער הערט אַזוי דייטלעך, ווי אַן אייביקער עכאָ די געזאַנגען: „ווי יוגנט דאָרט איז פרייליך..." אָט זעט ער אנדערע זומער־פאַרנאַכטן. פאַרכישופטע שיינע וועלט. טונקעלער וואַלד. אויסגעשטערנטער הימל. שטיל איז ארום. ער פילט איר פליסטער, איר אָטעם...

„הערסט מיין טייערער ווי עס רוישן די בוימער?... ווי עס וואַקסן די גראָזן?..." עס זינגט דער שטילער אַרום... אַ פרייד צעגיסט זיך אין זיין יונגער נשמה. שיינע וועלט, וואונדער־וועלט. ער וויל אַן אָדלער ווערן. לאָזן זיך איבער ווייטע הימלען, ימען. ער וויל... ער וואַכט אויף פון אַ טיפן שלאָף. ער ציטערט אויף. ער קוקט די ווירקלעכקייט אין די אויגן אריין. ער זעט די צייט, דעם שנעלן, פליסנדיקן טייך. עס פליסט אַזוי גיך, גיך פאַרביי. אַוועק, אַוועק אַלץ ערגעץ אין אומבאַקאַנטע ווייטן.

זיצט ער פאַרשעמט ביים פענצטערל און קוקט אויף דער דרויסנדיקער וועלט ווי אַ שולדיקער. זיין וועלט איז טונקל גרוי. פיר ווענט, און אַן אַלט בעטל. נישטאָ מער קיין טרוימען, הימל־פליענדיקע פּלענער. אפשר איז ער אליין שולדיק. ער האָט צו גיך אויפגעגעסן זיינע טעג און יאָרן. אָך! טראַכט ער, ווען ער קען ווידער געבוירן ווערן; וועט ער יעדן טאָג, יעדע מינוט, יעדע רגע, פאַרזיכטיק, פאַרזיכטיק, נישט געאיילט זיך, אויסצערטלען, דורכלעבן...

★

איז דאָס דער אייביקער גאַנג? ווי פילט דער שמעטערלינג די פרייד, וואָס געדויערט אַזוי קורץ, האַ?... וואָס איז דאָס. דער קורצער חשבון פון אַ לאַנגן לעבן?

איז דאָס טאַקע דער סדר פון דער וועלט, דורך גיין צו פאַרגיין?

---

אַז מען לייענט דורך דעם באַנד, וואָס באַשטייט פון צווי ביכער — ביזן סוף (צו דעם נויטיקט זיך דער לייענער אין גאָר שטאַרקע נערוון) קומען אויף אין זכרון די שורות, צו וועלכע מיר מוזן זיך צוריקקערן.

— „מלאך פון טויט — בעט זיך ביי אים דער פּילגעפּרווטער שרייבער, וואָס האָט זיך קיינמאָל קיינעם אין ערגעץ נישט אונטערגעגעבן, געקאָנט באַשטיין און אויסהאַלטן" ((זייט 276).

דערמאָנען מיר זיך די שורות ביים פאַרמאַכן דאָס בוך און מיר זאָגן, מיט האַנט אויפן האַרצן:

— יאָ, פּילגעפּרווטער ידישער שרייבער: דיין בוך האָט אונדז אריינגעפירט אין דער וועלט נישט נאָר פון דיינע איבערלעבונגען און מחשבות — נאָר אויך פון דער וועלט פון די דורות, מיט וועלכע דו ביסט געגאַנגען און צוזאַמען געליטן, די וועלט פון דיינע האַנדלונגען.

יאָ — אלישע — מיר גלויבן דיר!


שטיצט די איניציאַטיוו פון „קדימה"

צו בויען

אַ חורבן־מוזעאום!

די רינגען וואָס קומען צו יעדעס יאָר אויף אַ בוים מיט זיין עלטער און מיט זיין רייפקייט.

נישט מער: די פייערדיקע רינגען וועלכע האָבן ארומגעקרייזט אלישע בן אריה הכהנס נשמה, זענען רינגען פון טראַגישע דערפאַרונגען, און טייל מאָל אויך: אַנטוישונגען.

דאָס בוך גייט ארויס פון דער ראַם, לויט וועלכער מען קאָן אָפּשאַצן אַ קונסט־ווערק. עס איז אַ ברייטער לייוונט אויף וועלכן עס איז מיט די נאַטירלעכסטע פאַרבן געמאָלן אַ לעבן, און דער לייוונט האָט זיך אויפגעוויקלט אין יענעם ווייטן קאַיאַר פון ניינצנהונדערט און אַכט, אין אַ פּאָלעסיער דאָרף און פלאַמט נאָך אַלץ אויף די בערג פון יהודה, וואָס אין ירושלים. און איבער דעם אַלעם פלאַטערט — ווי טרויעריק עס זאָל נישט קלינגען — דער עלנט פון שעפערישן מענטשן, די איינזאַמקייט, און צוזאַמען מיט דעם, דאָס געפיל פון פאַרגיין און נישט באַוויזן אויסצופירן דאָס שרייבערישע שליחות, פון דעם לעצטן יידישן שרייבער פון רוסלאַנד.

ווייל מען אָבער פאָרט געפינען אַ מעדיום לויט וועלכן, מען זאָל דאָס בוך קאָנען אָפּשאַצן — האָט דער לייענער צוויי ברירות: ער קאָן אין אים זען דעם פּראָלאָג, דעם אריינפיר צו דער עפּאָפּיי, וואָס הייסט „ערב" — דער דורות׳דיקער גאַנג פון דער משפחה באַיאַר אויף דער פּאָלעסיער ערד — און אויב ער ווערט דערדריקט פון דעם טרויער און עלנט וואָס יאָגט פון בוך — קאָן דער לייענער עס אָננעמען ווי דעם עפּילאָג — דער לעצטער באַיאַר קומט צוריק צו זיין זיידן, וואָס זיין אומבאַקאַנטער קבר געפינט זיך אין חברון.

פון בוך פון לעבן פון אלישע בן אריה (און „רינגען אויף דער נשמה" איז אָן ספק דאָס טראַגישע, נאַקעטע לעבן אליין) רייסן זיך זיינע העלדן ארויס צום „ערב"־בוך פון קינסטלערישער שלימות.

זיי האָבן זיך — די העלדן אלישעס — געפּורעמט צוערשט אין אַ פייערדיקן טיגל אין זיין מחשבה, אין זיין נשמה, ער האָט זיי געקנאָטן, ווי דער באַשאַפער מיט זיינע אייגענע הענט, און שפּעטער — אָנגעגורט מיט קינסטלערישן שוווּנג, פאַרנעם און מחשבה, אויסגעשטעלט זיי צווישן די בעריאָזעס און די פּאַפּראָטן פון פּאָלעסיע; געלאָזט זיי אַקערן די ערד און טריקענען זומפּן; פאָרן איבער זאַמדיקע וועגן און פירן ליבעס. אלישע האָט זיי געלאָזט לעבן, זייער אייגן לעבן, הגם פון בוך פּילט מען ארויס, אַז יעדער פון זיי טראָגט אין לעבן מיט זיך אַ שטיק פון מחברס איבערלעבונגען, דערפאַרונגען און חלומות.

אין דער אומעטיקער עלנטקייט פון בוך„ רינגען אויף דער נשמה" זענען דאָ עטלעכע ליכטיקע שטראַלן: די ליבע פון דער מאַמען; דער באַריר מיט דער פּאָלעסיער לאַנדשאַפט, מיט די לאַכן און אַנדערע פויגל; מיטן וואַלד; מיטן בלי פון פרילינג און מיטן קופּער פון האַרבסט — אַ לאַנדשאַפט וואָס איז אונדז נאָענט, טאַקע פון „ערב".

און שטייענדיק פּנים אל פּנים מיט דער מעגלעכקייט פון 25 יאָר פאַרשיקונג; פון טויט; פון ווערן אָפּגעריסן פון פרוי און קינדער, אידענטיפיצירט זיך אלישע מיטן יידישן פאָלק פון סאָוויעט־רוסלאַנד, מיט זיינע כהנים — די יידישע שרייבער, הגם די אידענטיפיקאַציע דראָט ער זאָל אויך טיילן זייער גורל.

אָבער נישט נאָר דעם יידן זעט ער: זיין געפיל פאַר יושר ברויזט אין אים, ווייל ער קאָן נישט איבערטראָגן די טראַגעדיע וועלכע שפּילט זיך אָפּ פאַר זיינע אויגן: דער אַרעסט פון אוקראַיִנישן שרייבער, וועלכער לעבט אין דחקות, און וועלכן מען רייסט אָפּ פון זיין יונגער פרוי און פּיצל קינד — אויף אייביק. מען באַשולדיקט אים אין נאַציאָנאַליזם.

אלישע טיילט זיך אויך מיט זיין ברויט און מיטן פּעקל פון דער פרוי מיט אַ געוויינלעכן אוקראַיִנישן פּויער וואָס זיצט מיט אים אין איין קאַמער. דער פּויער, וואָס איז געווען אַ קוילנגרעבער אין פראַנקרייך, קומט אויף אַ באַזוך אין זיין דאָרף, און מען אַרעסטירט אים און מען פּייניקט אים, ער זאָל זיך מודה זיין, אַז ער איז אַ פראַנצויזישער שפּיאָן.

ווו נאָר אלישע זעט רשעות — באַמיט ער זיך קעגנוויקן מיט מענטשלעכקייט.

זיין טרוים וועגן ישראל — איז אייגנטלעך געווען דאָס ארץ ישראל פון חומש און תנ״ך. ער האָט געבענקט נאָך דעם ארץ ישראל און נאָך דער פרייהייט צו פאַרענדיקן זיין לעבנס־ווערק.

ער אַנט, אַז ישראל וואַרט נישט אויפן יידישן שרייבער. ווען די טאָכטער רעדט אים צו אָנצוגעבן אויף אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד, ענטפערט ער איר:

— „יאָ, טאָכטער, אין ישראל... כ׳זע זיך דאָרטן אין אַזאַ איינזאַמקייט, אין אַזאַ עלנטקייט. אפילו אריינגעוואָרפענעם אין שטילן חרם" (זייט 418).

צו דעם מאָטיוו עלנטקייט קערט זיך אום דער מחבר אין לויף פון זיין שרייבן.

„פרעגט זיך, נאָך וואָס אייגנטלעך איז ער געלאָפן אַהער? האָט אים דען געפעלט דאָרטן, אין דער דירה זיינער, ביי די ברייטע דניעפּער־וואַסערן, ביי דעם וווּנדערלעכן וואַלד־פּאַרק, וווּ די פייגלען פאַרכלינען זיך פון געזאַנג... האָט דען אים, אָט דעם יידישן שרייבער, געפעלט דאָרט ברויט און עלנטקייט... (זייט 208).

און אין מיטן שרייבן רייסן זיך אריין אין בוך די טענער פון אַ געקלאָג און אַ יזכור אויף זיין משפחה, וואָס איז אומגעקומען אין באַבי־יאַר. און דער מאָנער פון יושר אלישע, לאָזט זיך אריין אין אַ דיספּוט מיטן נביא, וואָס דאַרף זיך געפינען אין טאָל פון ירושלים: ער פרעגט אים:

פאַר אַלע שיטערס פון דער אינקוויזיציע און פאַר די פייער־פלאַמען פון אוישוויץ, זאָג מיר גרויסע נביא, האָבן מיר טאַקע געדאַרפט גיין מיטן דערנערוועג צוליב אָט די אָפּלייקענער און אָפּשפּעטער פון געטלעכן גלות־פאָלק?" (זייט 215).

★

מ. אייזענבוד

# עלנט און אַליין...

עלי שעכטמאַן: „רינגען אויף דער נשמה", פאַרלאַג „ישראל בוך", תל־אביב 1981, 439 ז"ז.

„שטיי איך דאָ אַ באַרוועסער אויף הייסן אַש
איך שטיי צווישן דורות צוויי,
צווישן אַלטן ווינד און יונגן ווי
עלט און אַליין (סוף פון בוך).

— האָט דער שטאָלצער באַיאַר אלישע זיך איינגע־בראָכן? האָט די זקנה אויף אים אַנגעווריעט מיט יענער זאַוויערוכע, אין וועלכער ער האָט מאַלין ביים ברונען געפונען, אָדער איז עס יענער ברונען וווּאַהין ער האָט באַגלייט זיין שוועסטער גאַלדע — די יונגע סאָסנע — מיטן משוגענעם פיטשע?

און דאָ שווימט אויף אין געדאַנק ווי אַ טונקעלער וואָלקן דאָס פאַטאַליסטישע שלום מאַכן מיטן גורל פון אוקראַי־נישן אָדער ווייסרוסישן פויער:

— דאָלאַ מאַיאַ דאָליאַ...

דורכן בוך גייט דורך נישט נאָר די פּיעדיקע באָרד פון מלמד שמואל־יאָסל, נאָר טאַקע ווי אַ פייער זיין זאָג:

— יעדער האָט זיין גורל! אפילו אַ מת האָט זיין גורל!

און וואָס זשע איז דער גורל פון אַ ידישן שרייבער, פון די לעצטע ידישע שרייבער וואָס איז אַנטרונען על פי נס (אָדער על פי טעות) פון יענע פינצטערע קאַ־זאַמאַטן, ווו פאַרקעט איז באַצירט מיט אַ „פּאַראַשע", ווו דער מענטש ווערט אַנטמענטשט אין דעם „סאָבאַטש־ניק" (ביי שעכטמאַנען הייסט עס: דער „באָקס") און דער פּראָצעס פון אַנטמענטשונג גערדויערט סך־הכל אַן אויגנ־בליק: מען נעמט ביי אים צו דעם פּאַסיק פון די הויזן: אָפּגעשניטן די קנעפּלעך און שוין פילט זיך דער מענטש הילפלאָז, פאַרלוירן און דערשלאָגן...

ערשט ווען ער קומט פּנים אל פּנים מיטן אויספאָר־שער אין דער קיעווער טורמע, ווערט אלישע צוריק דער שטאָלצער באַיאַר וואָס בייגט נישט דעם קאָפּ, וואָס קעמפט נישט פאַר זיין לעבן ווי אַ הונט — מיט ציין און נעגל — נאָר ווי אַ מענטש: מיט שטאָלץ און מיט קאַלטער לאָגיק באַווייזט ער דעם אומזין פון די באַשולדיקונגען, הגם איינעווייניק, אין זיך טרייסלען די נערוון, ווי אַן ערד־ציטערניש.

פאַר דעם, וואָס האָט נישט מאַרשירט איבער די שמאָ־לע קאָרידאָרן זיך געמוזט אויסדרייען צו דער וואַנט יעדעס מאָל ווען עמעצער איז אים אַנטקעגן געקומען, ווייל אין אַרעסטאַנט טאָר נישט זען דאָס פּנים פון צוויטן; פאַר דעם, וואָס האָט נישט מיטגעמאַכט די מיטערנאַכ־טיקע אויספאָרשונגען, וועלכע הויבן זיך אָן מיט רופן דעם אַרעסטירטן נישט לויטן נאָמען, נאָר לויט אַ בוכ־שטאַב:

— נאַ בוקווו ש...

פאַר דעם, איז זיך שווער פאָרצושטעלן וואָס עס קאָן ווערן פון אַ מענטשן, ווען ער פאַלט אַריין צווישן די צאָנ־רעדער פון דער סאָוויעטישער יוסטיץ, ווו פאַרן זעלבן פאַרברעכן, פאַר גנבענען אַ ברעט, — למשל — קאָן מען קריגן אַ יאָר תפיסה, פאַר גנבה. אָבער, אַז דער אויספאָר־שער האָט אַ ספּעציעלע סיבה, קאָן ער פאַרן זעלבן ברעט צושפּילען דעם פּאַראַגראַף פון 7טן אויגוסט (וואָס הייסט אין דער פּאָפּולערער פאָלקס־שפּראַך: זאַקאָן ס'עדמאָווא, וואָסמאָווא) וואָס באַשולדיקט אין בייזוויליקן פאַרניכטן מלוכישן אייגנטום, און פאַר דעם קומט שוין אַ מינימום פון 15 יאָר.

מען מוז זיך דעריבער אָנשטרענגען ,כדי צו באַנע־מען, ווי עס דאַרף זיך פילן אַ מענטש — וואָס זיין איינ־ציקער „פאַרברעכן" באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז אַ ידישער שרייבער, און ער לעבט נאָך אַלץ, ווען פון די אַנגעזעענסטע ידישע שרייבער, איז שוין פאַרשוווּנדן יעדע שפּור, און ער שטייט אין מיטן דער אַנטיסעמיטישער וויוגע וועלעכע בושעוועט אין לאַנד, ארום די „מערדער אין ווייסע כאַלאַטן".

דאַרף מען זיך ערשט וווּנדערן, וואָס דער אויספאָרשער האָט אים צוגעזאָגט (נאָך אידער וואָס, ווען) 25 יאָר אומ־זיסטן קעסט ביי דער מלוכה, אין אַ סיבירער „קוראָרט"?

אין יענע טעג האָט אלישע פאַרטיידיקט זיין מענטש־לעכע רעכט, ווי אַ ייד און ווי אַ שרייבער.

„רינגען אויף דער נשמה" זענען אַ פאַרגלייך מיט

---

די קאַמפּן אין לבנון צווישן ישראל און די פּ.ל.אָ. און דאָס גאָלד ווערט געקויפט פון אָרעמע לייט... פון דער אַנ־דערער זייט פליצט די אינפלאַציע, ס'וואַקסט די אַרבעטס־לאָזיקייט... ס'קומען פאַר רויבערייען. איז טאַקע נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון, איז דער היינט ענלעך צום ווייטן אַמאָל ?...

איז ער, חיים לייב ווי דער כינעזישער פויער סון, און דער באַנק־מענעדזשער ווי דער אַלטימלעכער פירשט?...

אויב ס'איז אַזוי, איז עס דאָך ווי אין יענער ווייטער צייט פון קהלת — „און אָט זענען די טרערן פון די גע־דריקטע, און אויף דער זייט פון די באַדריקער איז די מאַכט!"

וואָס וועט אים דער מענעדזשער זאָגן „אַרבעט מער?!" די אַרבעטסלאָזיקייט דערגייט דאָך צו אַסטראָנאָמישע ציפערן, און חיים לייב ציטערט, אַז אויך יוסף זאָל נישט פאַלן אַ קרבן פון הערשנדיקן כאַאָס...

אַ קלונג פון טעלעפאָן האָט איבערגעריסן חיים לייבס מחשבות. זלמן ראַקאָווסקי האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער, זלמן און יוסף זעליקסאָן וויסן וועגן אַלץ. „זאָרג זיך ניט" — האָט זלמן אים פאַרזיכערט — מיר וועלן „ביי דיר נישט נעמען קיין פּראָצענט" — וועסט קענען צוריקצאָלן ווען דו וועסט האָבן.

באַדאַרפט פאַרענדיקן די פּלאָג פון מלחמות — און וואָס איז אַרויסגעקומען? 1918, דאָס יאָר פון רעוואָלוציעס — און גלייך פון אָנהויב געטראָגן אין זיך די פאַרסמטע זאָמען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ביידע מלחמות ליגן אים אין די ביינער ווי אַ פאַרעלטערטע קראַנקייט פון וועלכער מ'קאָן נישט פּטור ווערן.

טיילמאָל דאַכט זיך חיים לייבן, אַז דאָס טראַכטן וועגן עבר האָט נישט קיין זין. ער ווייסט, אַז אין אונטערדריקטן באַוווּסטזיין געפינט זיך ס'צעשמעטערישע, דאָס טונקעלע פינטעלע וואָס לאָזט נישט ־רוען, וואָס שפּרייט די נעצן פון שרעק, די מורא פאַר איבערחזרונג. און דאָס געזעץ פון איבערחזרונג, דער פּראָצעס פון בייט און באַשאַף, איז דאָך ממש אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט. קומט דען נישט טאָג נאָך נאַכט, און נאַכט נאָך טאָג? זינט די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אָפּגעשלאָסן איר בלוטיקן סך־הכל, גייט נישט פאַרביי איין טאָג אָן רציחות, פליינדערן און אַנעקסיעס אַדורכגעפירט פון גרויסע מדינות, אָפּן און אונטער אַ דעק־מאַנטל, אין נאָמען פון שלום און גערעכטיקייט? — אין תוך דער היפּך פון דעם וואָס זיי פּרידיקן.

יאָ, טראַכט חיים לייב, ס'איז אַלעמאָל געווען אַזוי ווי עס איז היינט, נאָר די פאָרם האָט זיך געביטן. ס'איז פאָרט דריי טויזנט יאָר שפּעטער... מיט יאָרן צוריק האָט ער געהאַט געלייענט אַ כינעזיש מעשהלע, וואָס דערמאָנט אים אין דער לאַגע פון זיינע קינדער. ער געדענקט נישט דעם נאָמען פון מחבר. דאָס איז לגמרי נישט וויכטיק, וויכטיק איז דער מוסר השכל... אַלע מעשהלעך זענען דאָך געשריבן צוליבן מוסר השכל, צוליבן אויספיר.

..."אַן אָרעמער פויער איז אַ טאַטע פון אַכט קינדער, און זיין ווייב שוואַנגערט מיטן ניינטן... נו, טראַכט חיים לייב, פאָרט נישט היינטיקע צייטן. ...ס'איז ענג אין פויערס שטיבל, און האָלץ אויף צובויען נאָך אַ שטיבל האָט ער נישט. וויינט די שוואַנגער־פרוי אין די נעכט. פרעגט איר זון, איר מאַן: פינג, שוין?...

ניין — ענטפערט פינג וויינענדיק, איך וויין, ווייל עס איז דיר שווער! — ווייל איך קאָן דיר נישט העלפן, און די קינדער פרירן אין די נעכט אין שייער. ...זיי האָבן באַשלאָסן אַז סון זאָל גיין בעטן דעם פירשט אַן הלוואה. חיים לייב האָט שוין געהאַט געערדעט מיטן באַנק־מענעדזשער. עס איז אַ שווערער ענין. אויב די באַנק וועט געבן די הלוואה, און יוסף וועט קענען קויפן אַ גרעסערע דירה, וועט ער דאַרפן אַרבעטן אפשר ביז אַכציק יאָר כדי אָפּצוצאָלן דעם חוב.

...גרויסער האַר! דו ווייסט אַז דיין קנעכט האָט אַכט קינדער און דאָס ווייב איז שוואַנגער...

שטיי אויף, סון. איך ווייס אַלץ. דו דאַרפסט בויען און האָסט נישט קיין האָלץ. זאָג, ביסט שולדיק פאַר שטייערן? חלילה, דורכלויכטנדער! דאָס צאָלן שטייערן היט איך ווי אַן אויג אין קאָפּ! נאָר איצט האָב איך נישט קיין געלט, און נישט גענוג רייז...

דעם פירשטנס פנים האָט זיך פאַרוואָלקנט. דו דאַרפסט נישט הונגערן, מיינע אונטערטאַנער הונגערן נישט! — איך נעם נישט אַוועק ביי קיינעם דאָס לעצטע... אַרבעט מער, וועסטו האָבן אויף רייז און אויף האָלץ. איך פרעג ביי דיר נאָר וויפל האָלץ האָסטו אַליין אָנצוהייבן בויען. אויב ס'וועט דיר צופעלן, וועל איך דיר באָרגן. נאָר וויסן דאַרפסטו, אַז דו וועסט מוזן צוריקצאָלן מיט צינזן... אויך דאָס דאַרפסטו געדענקען, אַז פון נייע הייזער צאָלט מען אַ ספּעציעלן שטייער. איך וועל עס גלייך פאַרשרייבן אויף דיין רעכענונג. סון האָט געשוויגן.

...נאָך האָט דער פירשט געזאָגט צו סון:

„איך וויל אַז דו זאָלסט וויסן די פירונג פון אַ מלוכה, פון מיין מלוכה. איך טאָר נישט היזיק האָבן אפילו איין יען. איך דאַרף אַלעמאָל פאַרמערן, פאַרמערן. דאַן וועט אויך דיר, מיין אונטערטאַן, זיין גוט". סון האָט געשוויגן.

„וואָס רעכנסטו צו טאָן?" — האָט דער פירשט געקוקט אויף אים מיט קאַלטן שפּאָט.

„איך ווייס נאָכנישט, גרויסער האַר. איך רעכן אַז מיינע שכנים וועלן מיר אַרויסהעלפן".

„גיי, סון, זאָלן דיך די געטער פירן".

*

פונקט ווי אין דער באַנק, האָט חיים לייב הויך אַרויסגערעדט מיט אָנגעזאַמלטן פאַרדרוס. האָט דען דער מענעדזשער נישט גערעדט צו אים מיט אַ העפלעכן שמייכל וואָס האָט קוים, קוים פאַרדעקט דעם קאַלטן באַשלוס: „איך בין סימפּאַטיש צו אייער פּראָבלעם, ליידער זענען מיינע הענט געבונדן..."

ער קאָן — האָט חיים לייב געטראַכט — וואָס איז? די באַנק פלאַצן דאָך פון דעפּאָזיטן!

נו יאָ, ס'איז גענוי ווי דעם אַלטערטימלעכן פירשטס איינשטעלונג: „איך דאַרף פאַרמערן... פאַרמערן..."

חיים לייבס געדאַנקען זענען איצט געפּלאָנטערט ווי כוואַליעס וואָס שלאָגן זיך אָן אין אַ פעלזיקן ברעג, און ווערן צעשפּריצט אָן שום פעולה. וועט ער באַקומען די הלוואה, אָדער נישט באַקומען די הלוואה... יאָ?... ניין?... יאָ?... ניין?... זיכער נישט!!

ער איז געבליבן זיצן אַן אויסגעמאַטערטער. די באַלאַנסירנדיקע כוחות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אים, ווי ער האָט עס גערופן „אָרדענונג אין זיך גופא" — האָבן אים איצט פאַרלאָזן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן זייגער. ער האָט נאָך צוויי שעה ביז דער טרעפונג מיטן מענעדזשער. מעכאַניש האָט ער גענומען בלעטערן אַ צייטונג פון מיט עטלעכע טעג צוריק. די פעטע שריפט האָט מיט שטומען געשריי געליאַרעמט אויף דער ערשטער זייט, סאַמע אויבנאָן: „די אַרגענטינער האָבן דערטרונקען אַן ענגלישע קריגס־שיף!"

חיים לייב האָט אויפגעציטערט: „ווידער אַ סאַראַיעוואָ!... וועט ענגלאַנד אָנצינדן אַ דריטע וועלט־מלחמה?... וואָס זוכט ענגלאַנד אויף אַן אינדזל טויזנטער מיילן ווייט? זענען דאָרט די ענגלישע בערגער באַדראָט מצד די אַרגענטינער? מוזן דען די קינדער נעכטיקן אין בונקערס ווי די קינדער פון קרית שמונה?... וווהין גייט די וועלט?... דער פרייז פון גאָלד שטייגט צוליב פאַלקלאַנד און צוליב

י. מ. לעווין

— דערציילונג —

# קהלת איז געווען גערעכט...

„וואס איז געווען דאס וועט זיין,
און וואס איז געשען דאס וועט געשען,
און נישטא קיין נייעס אונטער דער זון.
(קהלת)

חיים לייב האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף שפעט אויפן טאג. מיט ווינקל פון אויג האט ער געזען אז ס'איז צען א זייגער. „שפעט — האט ער א טראכט געטאן — מ'דארף אויפשטיין...״

פון זיך אליין האבן זיך זיינע אויגן פארמאכט, און באלד ווידער געעפנט. נאך נישט ארויס פון שלאף האט אין חיים לייבס מוח א פיק געטאן:

„כ'האב דאך היינט עפעס צו דערלידיקן — אבער נישט געדענקט — וואס... א שטיקל צייט איז ער געלעגן א געפלעפטער. ס'איז נישט געווען חיים לייבס טבע צו פארגעסן זאכן. דורך די יארן זינט ער לעבט אליין האט ער זיך אויסגעלערנט האלטן ארדענונג ארום זיך; — ווי ער האט עס גערופן „אין זיך״...

ער האט זיך באמת אויסצומיידן עמאציאנעלע אויפברויזן, וואס זענען ביכולת אויפצוועקן ענלעכע צושטאנדן פונעם עבר, און לאזן איבער א צערודערונג אין געמיט. טיילמאל האט ער א טראכט געטאן, אז זיינע איבערגעלעבטע פארלאנגען, און אויך אנטוישונגען, וואלטן געקענט סטייען פאר א צען אירע...

„וואס האב איך היינט באדארפט טאן?״ — האט חיים לייב זיך געפרעגט צום צווייטן מאל. ער האט געפרווט צוריקגיין אין צייט צום נעכטן און ער האט זיך דערמאנט אז פארן אנטשלאפן ווערן האט ער אריינגעקוקט אין קהלת.

„א חכם דער שלמה געווען״ האט חיים לייב א שמייכל געטאן מיט א סארקאסטיש שמייכעלע. נאכן אפלעבן א לעבן פון א הוליאקע איז ער געקומען צום אויספיר, אז אלץ איז הבל הבלים... פוסטקייט... נארישקייט... אז וואס געווען וועט זיין... אז נישטא קיין נייעס אונטער דער זון, און, אז אין דער אונטערשטער שורה איז דעם מענטשנס אויפגאבע״...

חיים לייב איז מיטאמאל וואך געווארן. די אויפגאבע... זיין אויפגאבע... היינט איינס נאכמיטאג דארף ער זען דעם באנק־מענעדזשער. חיים לייבס אייניקל לאהלע קאן נישט לענגער זיין אין איין צימער מיט איר ברודער. לאהלע איז שוין מיט מזל צוועלף, און דניאל איז פערצן מיט א האלב יאר. דער אידעם איז א גוטער מאן און א גוטער טאטע, אבער א קנאפער פארדינער... ער ארבעט נאך אלץ ביי יענעם, און ווי עס זעט אויס וועט יוסף בלייבן „א מענטש ביי יענעם״ און צו אייגנס קיינמאל נישט קומען.

נאך פאר די קינדערס חתונה האט חיים לייב איבערגערעדט די זאך מיט דער טאכטער: „דבורהלע, האט ער מיט איר איינגעטעהנעט, „יוסף איז נישט קיין אונטערנעמערישער טיפ... דו וועסט דיין גאנץ לעבן אים מוזן העלפן שלעפן דעם וואגן... איר ענטפער איז געווען א קורצער: „טאטע, דו ביסט יא אן אונטערנעמערישער מענטש?... זע דיינע פריינד — זיי זענען געקומען גלייך מיט דיר, און האבן דערגרייכט ווער מער, ווער ווייניקער. וואס האסטו באוויזן אויפצוטאן?... צווייטנס, האט דבורה צוגעגעבן מיט א שטילערן טאן: „איך האב יוספן ליב״...

חיים לייבס שווערע אויגנלעדלעך האבן פארדעקט די פייכט געווארענע אויגן. זיין אייגן לעבן האט זיך א שטעל געטאן פאר אים אין דמיון. איצט האט ער בעסער פארשטאנען זיין טאכטער ווי מיט יארן פריער. ווידער איז אים געקומען אויפן געדאנק קהלת מיט דעם ציטאט: „נישטא קיין נייעס״... און אויך „און אט זענען די טרערן פון די באדריקטע, און נישטא ווער זאל זיי טרייסטן — און אויף דער זייט פון די באדריקער — איז די מאכט!...״

חיים לייבס מויל האט זיך אויסגעקרימט אין א ביטערער גרימאסע. ס'שטימט! ער געדענקט ווי נעכטן די ערשטע וועלט־מלחמה, וואס האט איינמאל פאר אלעמאל

---

אין א דאקומענט אבער נאר א דאקומענטן־פעלשער וועט „ציטירן״ א זאך, וואס איז „לא היה ולא נברא״. איך נעם אן אז גילבערט האט מסתמא נישט געלעזן די באריכטן פון דער קאנפערענץ אין דעם „אויסטראליען דזשואיש העראלד״. אבער ער האט שטודירט די אפיציעלע דאקומענטן פון דער קאנפערענץ (פראפ. מ.גילבערט פון אקספארד איז דער מחבר פון דרייסיק ביכער, אפיציעלער ביאגראף פון טשערטשיל — דריי בענדער און א ערך 10 בענדער דאקומענטן).

מיין פריינד פאטקין מעג זיין אנטוישט אין דעם אויסטראלישן דעלעגאט אבער דאס איז נישט דאס ערשטע מאל, וואס א פאליטיקער רעדט איין זאך אלס דער אורח כבוד אויף א יידישער פארזאמלונג און א צווייטע זאך אויף אן אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ... איך וועל אבער צוגעבן צום זכות פון אויסטראליע, אז פרעצעדענטעל האט זי באשלאסן אויפצונעמען מער פליטים, ווי די פאראייניקטע שטאטן, אבער אלע צוזאמען, איז דאס ליידער געווען גאר ווינציק.

דער צווייטער טייל פון דעם בריוו איז נישט געווענדעט קעגן מיין ארטיקל. אדרבא, אויפן סמך פון מיינע אויספירונגען ווענדעט זיך בן ציון פאטקין צו די יידן מיט אזעלכע פראגן: „וואס האבן מיר געלערנט פון אלע פאגראמען״? „פארוואס פאקט מען זיך נישט עולה צו זיין״? א.א.וו.

ס'איז דער ווונטש פון א שרייבער צו סטימולירן אזא אפרוף פון זיין ארטיקל. פריינד פאטקין א יישר כח.

מ. פערשטענדיק

קער, מיניסטער אָדער וועלכער עס איז אַנדערער וועט זאָגן. וויכטיק איז, וואָס וועלן יידן טאָן!"

ווען נישט די 650.000 יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון ארץ ישראל און בפרט אין די מושבים און קיבוצים וועלכע האָבן פאַרטריבן זיבן אַראַבישע אַרמייען אויסערגעוויינלעך באַוואָפנט פון די ארץ ישראל גרענעצן אין די יאָרן 1948 וואָלטן מיר קיין מדינת ישראל היינט נישט געהאַט.

„די וויכטיקייט איז נישט אין דעם וואָס דזשאָרדזש כאַבאַש האָט זיך לעצטנס אויסגעדריקט, אָדער נאָרמאַן פּאָדהאָרעץ און פּראָפ. נועם כאָמסקי אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן געשריבן". וויכטיק איז וויפל אַמעריקאַנער, אייראָפּעייער, אויסטראַליער און פון אַנדערע מערב־לענדער, יונגע יידן פאָרן זיך צו באַזעצן (אויף עליה) אין ישראל און נישט נאָר אויף אַ באַזוך פון אַ מאָנאַט אָדער צוויי אָדער אַפילו אויף אַ יאָר אין וועלכן עס איז מכון. מען קומט צוריק, מען האָט חתונה, מען בויט אַ שיין הויז און מען גייט אויף זיצונגען פון קהילה־ראַטן, ציוניסטישע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען וכדו'.

ד"ר פערשטענדיק רעכנט אויס „די צאָל יידישע קרבנות אין די לעצטע צייטן... די קינדער אין קינדער־גאָרטנס... אַטאַקעס אויף סינאַגאָגעס אין בריסל, פּאַריז און אין רוים, אויף די יידישע רעסטאָראַנען אין בערלין און פּאַריז, מוז מען פעסטשטעלן אַז די... „לינקע" פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אויסגעהרגעט מער יידן ווי די פינצטערע „רעכטע" פּאָגראָמשטשיקעס פון 1919 ביז 1939 (איינשליסלעך פּשיטיק)..."

פרעג איך די פראַגע: פאַרוואָס פּאַקט מען זיך נישט איין, צו עולה זיין קיין ישראל ווו עס איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם און אַז מען באַקומט אַ מכה דאָרטן, גיט מען צוויי און אַפילו דריי מכות צוריק?

עס איז באַוווּסט אַז ווו עס זענען סעמיטן וועלן זיין אַנטיסעמיטן; איז צוליב וואָס געבן די אַנטיסעמיטן אַ מעגלעכקייט צו ווערן דערהרגעט חרוד דיז און צום לעצטנס פרעג איך ד"ר פערשטענדיק: „ווען וועלן מיר יידן לעבן אויף פּרינציפּן וועלכע יידן אַליין פּריידיקן? אויב נישט מיר — דער אַלטער דור, איז, לכל הפחות זאָלן מיר ווירקן אויף אונדזערע קינדער און אייניקלעך!" ווו און וואָס איז דער אמת פון אונדזער באַוווּסטזיין?

---

*) מאַרטין גילבערט האָט אַ פּנים נישט געלעזן די אויסטראַלישע צייטונגען, יידישע און נישט־יידישע, פון יענע צייטן. בפרט דעם מעלבורנעם טעגלעכן „העראַלד" און דעם „אויסטראַליען דזשואיש העראַלד"". דעריבער האָט ער פאַרקאָכט אַ קאַשע פון פאַרשידענע גרופּקעס און אַלס רעזולטאַט איז אַרויסגעקומען אַ מיש־מאַש.

איך וועל זיין צופרידן צו ווייזן ד"ר פערשטענדיק מיינע אַרכיוון און די פריער־דערמאָנטע צייטונגען בכדי ער זאָל אַליין זען דעם אמת.

---

# און אָן ענטפער...

חשובער רעדאַקטאָר,

דערלויבט מיר צו קאָמענטירן דעם אינהאַלטסרייכן בריוו פון מיין חשובן פריינד בן־ציון פּאַטקין.

דער ערשטער טייל פון דעם בריוו שאַפט דעם איינדרוק, אַז די „עוויאַן קאָנפערענץ" איז געווען אַ דערפאָלג. „די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געעפנט די טירן. אויסטראַליע האָט באַשלאָסן אַריינצונעמען 15000 אין משך פון דריי יאָר"...

וועגן דער „עוויאַן קאָנפערענץ" (יולי 1938) שרייבט דער „קעמברידזש היסטאָריקער": „פּאַקטיש האָט די קאָנפערענץ זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ געלעגנהייט פאַר אַ סעריע פון דעפּרעסירנדיקע רעדעס אין וועלכע די דעלעגאַטן פון איין לאַנד נאָכן אַנדערן האָבן דעמאָנסטרירט זייער אומפעאיקייט צו אַבסאָרבירן באַדייטנדיקע צאָלן פון אימיגראַנטן, טראָץ דער טיפסטער סימפּאַטיע און גרויסצוגיקייט פאַר די פּליטים" (בערנאַרד וואַסערשטיין „בריטיין ענד די דזשוס אין יוראָפּ 1939־1945" זייט 9).

אין אַ מעמאָראַנדום פונעם סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן, (נאָוועמבער 1938) לייענט זיך: „ס'איז לייכט אָפּצופּטרן דעם גאַנצן פּראָבלעם זאָגנדיק: „קיינער וויל נישט מער קיין יידן". דאָס איז בלי ספק אמת. אָבער דער פּראָבלעם עקזיסטירט"...

די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן נישט „געעפנט די טירן"... זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט אויפצונעמען די פּליטים (יידן און נישט־יידן), נאָר אין ראַמען פון דער קוואָטע פאַר דייטשלאַנד און עסטרייך 27.270 נפשות אַ יאָר. (קוים אַ פערטל פון דער אַלגעמיינער קוואָטע־צאָל פּלאַנירט יערלעך נאָך אַן איבעררייס פון פינף יאָר, צוליב דער דעפּרעסיע).

לויט מאַרטין גילבערט וואָלט עס געדויערט 20 יאָר צו אַבסאָרבירן די פּליטים פון דייטשלאַנד און עסטרייך.

אין לעצטן טאָג פון דער קאָנפערענץ זענען אָנגענומען געוואָרן צוויי רעזאָלוציעס. איינע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די „אַזיליום"־לענדער זענען נישט גרייט צו נעמען אויף זיך די פינאַנסיעלע פאַרפליכטונג פאַר דער „נישט פרייוויליקע עמיגראַציע". די צווייטע רעזאָלוציע האָט אויסגעדריקט „סימפּאַטיע פאַר די פּליטים".

צומאָרגנס האָט גאָלדע מייערסאָן (מאיר) אין אַן אינטערוויו מיט אַ שווייצאַרישער צייטונג קאָמענטירט: „איין אידעאַל פון וועלכן איך טראַכט, איין זאַך, וואָס איך וויל זען, איידער איך שטאַרב איז, אַז מיין פאָלק זאָל מער נישט באַדאַרפן אויסדרוקן פון סימפּאַטיע".

דאָס איז געווען דער „דערפאָלג" פון דער „עוויאַן קאָנפערענץ"...

וואָס שייך דער ראָל פון אויסטראַלישן דעלעגאַט. מאַרטין גילבערט האָט נישט „פאַרקאָכט אַ קאַשע".

מיין טייערער פריינד בן־ציון, וואָס האָט דאָקומענטירט אין זיין לעצטן בוך דעם טרויעריקן „דונירא"־אינצידענט, ווייסט, אַז אַ דאָקומענטן־פאָרשער קאָן אַמאָל נכשל ווערן און אַרויסלאָזן, אָדער פאַרזען אַ וויכטיקן זאַץ

בן־ציון פּאַטקין

# עטלעכע באַמערקונגען

טייערע פריינד,

אין שייכות מיט דעם אַרטיקל פון מיין פריינד ד״ר מ. פערשטענדיק, „אונדזער שטעטל ברענט״, (מעלבורנער בלעטער, נר. 5 ־ 34), וויל איך מאַכן אייניקע באַמערקונגען און האָף איר וועט זיי פּאַרעפנטלעכן.

בלי ספק, ד״ר פערשטענדיק שרייבט אַלע מאָל אינטערעסאַנט און וויסנשאַפטלעך. אַזוי אויך דער אופן פון דערמאָנטן אַרטיקל. אָבער ווי מען זאָגט, אַז נאָר די וועלכע טוען גאָרנישט מאַכן נישט קיין פעלערן, וויל איך טאַקע אָנווייזן אייניקע זייער וויכטיקע טעותן אין זיין אַרטיקל.

1) וועגן עוויאַן קאָנפערענץ. די פּאַראייניקטע שטאַטן זענען נישט געווען קיין מיטגליד פון דער פעלקער־ליגע און דעריבער זענען זיי נישט געווען פאַרטראָטן אין איר פּליטים־קאָמיסיע. האָט פּרעזידענט פרענקלין רוזוועלט איינגעלאַדן פאָרשטייער פון פאַרשידענע אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישע לענדער ווי אויך אויסטראַליע צו אַ קאָנפערענץ, בכדי צו געפינען וועגן — צו העלפן פּליטים פון דייטשלאַנד און עסטרייך, בפרט יידישע פּליטים, וויל זייער צאָל איז געווען די גרעסטע.

פּרעזידענט רוזוועלטס ספּעציעלער שליח — מר. מיראָן טיילאָר איז געווען דער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין עוויאַן, אין פראַנקרייך, פון דאַנען דער נאָמען „עוויאַן־קאָנפערענץ״.

2) די וויכטיקסטע רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ זענען געווען: א. נאָך אַ פינף יאָר איבעררייס, האָבן די פּאַראייניקטע שטאַטן געעפנט אירע טויערן פאַר פּליטים פון דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע; ב) אויסטראַליע האָט באַשלאָסן אַריינצונעמען 15000 פּליטים אין משך פון דריי יאָר (בערך 4000 זענען אַריינגעפאָרן אין פּעריאָד פון די יאָרן 40־1938) און אייניקע פון די דרום אַמעריקאַנער לענדער זענען אויך געווען גרייט אַריינצונעמען אַ געוויסע צאָל פּליטים.

3) דער אויסטראַליער דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ איז געווען מר. טאָמאַס וויט, אין יענעם יאָר דער מיניסטער פון צאָל־אַמט (קאַסטאָמס) וועלכער איז אויך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַרויסגעבן אימיגראַציע און טוריסטן וויזעס. מר. וויט איז געווען אַ פריינד פון יידן. מיט אַ יאָר פריער איז ער געווען דער אורח כבוד פון דער 6־טער אויסטראַלישער ציוניסטישער קאָנפערענץ. אין זיין רעדע האָט ער גערעדט שאַרף וועגן דעם פּליטים פּראָבלעם און וועגן זייער אימיגראַציע קיין ארץ ישראל, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער. דעריבער איז נישט ריכטיק צו זאָגן אין זיין נאָמען: „היות אויסטראַליע האָט נישט קיין ראַסן פּראָבלעם, איז זי נישט וויליק צו אימפּאָרטירן אַזאַ פּראָבלעם״ *).

ד״ר פערשטענדיק ציטירט פיל שרייבער און דערציילט — אַלס אילוסטראַציע — וועגן די פאַרשידענע פּאָגראָמען און געשעענישן פון בר־כוכבאס צייטן ביז להבדול די נאַציס י״ש. אָבער עס איז אַ טעות צו זאָגן אַז „ווען די גרויזאַמקייט פון די גאַז־אויוונס איז אַנטפּלעקט געוואָרן — נישט נאָר 6 מיליאָן יידן, נאָר אויך מיליאָנען מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — איז צו די ברייטע מאַסן דערגאַנגען דאָס באַוווּסטזיין, צו וואָס רעליגיעזע און ראַסן שנאה קאָן דערפירן״.

ד״ר פערשטענדיק שרייבט ווייטער: „פאַר די יידן אין דער מערב־וועלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה, אַ גאָלדענע תקופה...״.

אויב ד״ר פערשטענדיק ווייזט אָן אויף דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, ווייס איך נישט אויב די מיליאָנען יידן אין די מערב־לענדער האָבן די אויסערגעוויינלעכע געשעעניש אויפגענומען מיט עפּעס אַנדערש ווי זינגען לידער, טאַנצן און קאָנגראַטולירן איינער דעם צווייטן. עס זענען געווען צופרידן די שארית הפליטה און יידן פון אַראַבישע לענדער וועלכע זענען עולה געווען קיין ישראל און הונדערטער טויזנטער, אפילו, מיט דער צייט מיליאָנען.

אָבער פיל פון דער שארית הפליטה זענען געפאָרן אין אַנדערע מערב לענדער, נישט אין מדינת ישראל, ווי אויך פיל יידן פון צפון אַפריקע, האָבן זיך באַזעצט אין פראַנקרייך און נישט אין דער יידישער מדינה.

די פראַגע איז: „וואָס האָבן מיר געלערנט פון אַלע פּאָגראָמען זינט חורבן בית שני ביז היינט?״ עס דערמאָנט זיך דער באַרימטער געשפּרעך צווישן ד״ר חיים וויצמאַן ז״ל און חיים נחמן ביאַליק ז״ל אין אָנהויב פון די 1920־ער יאָרן:

ווייצמאַן: „זאָג מיר, חיים נחמן, וואָס פאַר אַן ענטפער זאָל איך געבן לאָיד־דזשאָרדזשן וועלכער באַקלאָגט זיך און טענהט: ווו זענען די הונדערטער טויזנטער יידן וועלכע וועלן לויפן קיין פּאַלעסטינע ווי נאָר מיר וועלן פּראָקלאַמירן די באַלפור דעקלאַראַציע? דערווייל פאָרן אַריין נאָר אייניקע הונדערטער חלוצים. אויב די יידן וועלן נישט קומען מאַסנווייז, באַלד היינט, נישט מאָרגן, וועלן מיר און איר האָבן צרות! וואָס זאָל איך אים ענטפערן ?״

ביאַליק: „חיים, זאָג אונדזער פריינד לאָיד־דזשאָרדזש אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ קליינע אָבער אַ פּאַסקודנע...״

דוד בן־גוריון איז געווען אַ חכם און אַ מאָדערנער נביא. ער האָט שטענדיק געזאָגט: „עס איז נישט וויכטיק וואָס דער אָדער יענער גוי, שרייבער, דיפּלאָמאַט, דענ־

---

ווערן אונטערשטיצט פון פאַרשידענע אַראַבישע רעגירונגען, ווי אויך פון דער פּ.ל.אָ. די נעאָ־נאַציס געהערן צום טעראָריסטישן אינטערנאַציאָנאַל וועלכער ווערט אָנגעפירט דורך אַ לאַנד וועלכע טראָגט די מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אָ.נ.ר., די אײַזערנע גוואַרדיע, און אַנדערע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע גרופּן האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף ייִדן און ליבעראַלע עלעמענטן.

אין דער צײַט זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע אָפּאָזיציעס אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. יעדע פּאָר וואָכן האָט מען אַרויסגערופן קיין מאָסקווע די פירער. מען אַרעסטירט זיי גלייך און מ׳פּייניקט זיי. 263 אַלטע קאָמוניסטישע טוער זענען פאַרנאַרט געוואָרן קיין רוסלאַנד און מען האָט זיי דאָרטן דערמאָרדעט.

אין דער זעלבער צײַט ווערט אויך אויסגעמאָרדעט דער צענטראַלער אַקטיוו פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ביזן הײַנטיקן טאָג איז שווער אויפצוקלערן צי דאָס איז געווען אַ געמיינזאַמע אַקציע פון דער געשטאַפּאָ, אין פאַרשטענדיקונג מיט דער גע.פּע.אוּ. אָדער דאָס איז געווען אַ צופאַל.

מיטן אומברענגען די פירער פון דער ק.פּ.פּ. איז געקומען פון מאָסקווע אַ צוויטער אורטייל — ליקווידירן די ק.פּ.פּ. געשען איז עס אין יאָר 1938. אין דער צײַט זענען אין די פּוילישע תּפיסות ווי אין קאַרטוז־בערעזע געזעסן טויזנטער פּאַרטיי־מיטגלידער: ייִדן, ווײַסרוסן, אוקראַינער. פאַר די אַרעסטירטע איז דאָס פאַנאַנדערלאָזן די פּאַרטיי און ליקווידירן דעם מ.אָ.פּ.ר. געווען אַ קאַטאַסטראָפע, ווײַל דערמיט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די הילף פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. די אמתע סיבה פון פאַנאַנדערלאָזן די ק.פּ.פּ. איז געווען די געהיימע אונטערהאַנדלונגען צווישן קאָמוניסטישן רוסלאַנד און פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, וועגן אײַנטיילן צווישן זיך פּוילן. אין אַזאַ סיטואַציע האָט מאָסקווע נישט באַדאַרפט מער האָבן קיין קאָמוניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט איר געקאָנט שאַטן אין אירע פּלענער. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי דער פּלאַן פון פאַנאַנדערטיילן פּוילן איז געוואָרן פאַרווירקלעכט.

צו ערשט איז געקומען אַ האַנדלס־אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און דײַטשלאַנד. אַן אָפּמאַך וועגן ליפערן סטראַטעגישע רוי־שטאָפן פאַר דער מיליטערישער אינדוסטרי. עטלעכע טעג שפּעטער — דעם 23טן אויגוסט 1939 איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו „ניט אָנגריף־פּאַקט״. אַ טאָג שפּעטער האָבן די סאָוויעטן אַרויסגעוואָרפן די פאָרשטייער פון פראַנקרייך און ענגלאַנד — וועלכע האָבן פאַרהאַנדלט מיט רוסלאַנד וועגן שאַפן אַן אַנטי־היטלעריסטן פראָנט. דער פאַרראַט האָט געקאָסט דער וועלט אַ ים מיט בלוט, מיט מיליאָנען קרבנות. די אײראָפּעישע ייִדן האָבן באַצאָלט דעם העכסטן פּרײַז.

דעם ערשטן סעפּטעמבער זענען די היטלעריסטישע אַרמייען באַפאַלן פּוילן. דעם 17טן סעפּטעמבער זענען די סאָוויעטן אַרײַנגעדרונגען קיין מזרח־פּוילן. זיי האָבן געערדעט און געשריבן, אַז זיי זענען געקומען אַלס באַפרײַער און גענומען הונדערט טויזנט פּוילישע סאָלדאַטן און אָפיצירן — צווישן זיי פיל ייִדן — אין געפאַנגענשאַפט. נישט בעסער האָט אויסגעזען דער גורל פון דער ציווילער באַפעלקערונג, וועלכע איז אַנטלאָזן פון היטלעריזם. די „באַפרײַער״ זענען געווען די וועלכע האָבן אַרײַנגעזעצט אַ מעסער אין רוקן פון דער קעמפנדיקער פּוילישער אַרמיי. ווען נישט דער איבערפאַל וואָלט פּוילן, וואַרשײַנלעך, אָפּגעשלעפּט דעם קריג ביז ווינטער. דעמאָלט, קאָן זײַן, וואָלטן די ענגלענדער, פראַנצויזן און די אַנדערע פעלקער פון אײראָפּע געשאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט קעגן היטלעריזם.

אין פּוילן האָבן די נאַציס אָנגעטראָפן אויף אַ גינסטיקן באָדן — דאָס פּוילישע פאָלק איז געווען אין זײַן גרעסטער מערהייט אַנטיסעמיטיש געשטימט. די באַציאונגען צווישן ייִדן און פּאָלאַקן זענען געווען פאַרפּוילטע, עטלעכע טעג נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דער פּוילישער אַרמיי, קומען אָן קיין פּוילן די אויסראָטונגס־אײַנהייטן פון נאַציזם. זיי טרעטן גלייך צו דורך פאַרשידענע וועגן פּײַניקן און אויסראָטן די ייִדישע באַפעלקערונג. עס הייבט זיך אָן דאָס אַנטלויפן אין די סאָוויעטיש־באַזעצטע געביטן פון פּוילן.

די דײַטשע קריגס־מאַשין האָט געליטן גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן און מאַטעריאַלן אין דער צײַט פון דער פּויליש־דײַטשער מלחמה. דאָ קומען די סאָוויעטן צו הילף די נאַציס. ס׳ווערן שנעל אויסגעבעסערט די באַנליניעס, די שאָסייען און ס׳הייבן אָן פליסן ריזיקע מאַסן מאַטעריאַלן, רוי־שטאָפן, קאָרן און ווייץ פון רוסלאַנד קיין דײַטשלאַנד. די דײַטשע קריגס־אינדוסטריע הייבט גלייך אָן אַרבעטן אויף דער גאַנצער פּאַרע. מיט די רוסישע רוי־שטאָפן גרייט זיך דײַטשלאַנד אײַננעמען אײראָפּע.

אין פּוילן הייבט זיך אָן אַ געיעג נאָך יונגע מענטשן — אַלס שקלאַפן־אַרבעטער אין דער דײַטשער קריגס־אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט.

אין יאָר 1940 אַנטשטייט אין פּוילן אַן אײַנהייטלעכע אונטערערדישע באַוועגונג צו וועלכע עס געהערן די פּ.פּ.ס., כאַדעקעס, פּויערים־פּאַרטיי און אַנדערע גרופּירונגען. ייִדישע אָרגאַניזאַציעס ווערן נישט אַרײַנגענומען. די פּוילישע דעלעגאַטור אָנערקענט נישט די פּוילישע ייִדן אַלס בירגער פון דעם לאַנד. ס׳ערשטע מאָל אין דער פּוילישע געשיכטע, ווערן ייִדן נישט אָנגענומען אין דער אַנטי־היטלעריסטישער באַוועגונג. ביז איצט האָבן ייִדן צוזאַמען געקעמפט אין די פּוילישע אויפשטאַנדן קעגן צאַריזם און אַנדערע אונטערדריקער.

אין אַזאַ לאַגע זענען ייִדן געצוווּנגען אַליין שאַפן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס פון די פריערדיקע פּאַרטייען: „בונד״, ציוניסטן, קאָמוניסטן און רעליגיעזע גרופּן. מיט דער צײַט אַנטשטייט אַן אײַנהייטלעכע אונטערערדישע באַוועגונג אין עטלעכע שטעט פון פּוילן.

אין מאַי 1945 האָט דער נאַציזם אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די רעשטלעך נאַציסטן וועלכע זענען אַנטלאָפן אין אַנדערע לענדער האָבן ווײַטער פאָרגעזעצט זייער טעטיקייט. ווען מערב־דײַטשלאַנד איז נאָך דער עוואַקואַציע פון די פיר גרויסמאַכטן געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מדינה, האָט דער נאַציזם ווידער אויפגעלעבט און איז הײַנט אַ כוח. די קינדער פון די אומגעקומענע נאַציס

ו. יאַבלאָנסקי

# צום 50סטן יאָרטאָג פון אַ טראַגישער דאַטע

אין דער פעדעראַלער דייטשער רעפּובליק איז דאָס יאָר אָפּגעצייכנט געוואָרן דער 50־סטער יאָרטאָג פון היטלערס קומען צו דער מאַכט. מזרח־דייטשלאַנד האָט דורכגעפירט מיליטערישע מאַרשן, כדי צו דעמאָנסטרירן זייער כוח.

טראָץ דעם געפינען זיך אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי היינט־צו־טאָג געוועזענע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וועלכע פאַרנעמען גאָר וויכטיקע אַמטן אין דער אַדמיניסטראַציע. אין מזרח־דייטשלאַנד איז ביזן היינטיקן טאָג נישט פאָרגעקומען קיין איין פּראָצעס קעגן נאַצי־פאַרברעכער.

★

ס׳איז באַקאַנט, אַז דער היטלעריזם האָט פון 1939 ביז 1945 אומגעבראַכט 50 מיליאָן מענטשן, צווישן זיי זעקס מיליאָן ייִדן. ביזן קומען צו דער מאַכט האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אויך נישט ווייניק קרבנות אויף זיין געוויסן. נאָר די צאָל איז דערווייל אומבאַקאַנט.

דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט זיך באַזירט אויף מוסאָליניס פאַשיזם, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1922. פון דער צייט, ביזן דעראָבערן די מאַכט אין 1933, האָבן נאָך די אַרבעטער־פּאַרטייען אין דייטשלאַנד זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער נאַצי־באַוועגונג. נאָכן דעראָבערן די מאַכט, מיט דער מיטהילף פון די בירגערלעכע פּאַרטייען, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דער היטלעריזם ביי זיך אין לאַנד און שפּעטער, ווען ער איז אריינגעדרונגען קיין עסטרייך, טשעכיע, קלייפּעדע, געמאָרדעט און געפּייניקט ייִדן, סאָציאַליסטן און אפילו קאַטאָליקן.

ווער זענען געווען די אונטערשטיצער פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם? אין דער ערשטער רייע: די אייגנטימער פון די גרויסע קריגס־פאַבריקן, די פינאַנס־וועלט, וועלכע האָט אָפּערירט מיט די אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנס־געזעלשאַפטן.

דער פאַטאַלער אָפּמאַך צווישן די סאָוויעטן און דייטשלאַנד אין ראַפּאַלאָ, אין יאָר 1923, האָט צווישן אַנדערע געהאַט אַ געהיימען פּונקט וועגן דערלויבן דער ווייַמאַרער רעפּובליק — וועלכע האָט אין געהיים פּראָדוצירט געווער, אויספּרוּוון עס אין סאָוויעט־רוסלאַנד. שוין אין 1923 קומען פאָר געמיינזאַמע מאַנעווערס צווישן דיביידע לענדער, אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. זינט פּיאָטער דעם גרויסנס צייטן, האָבן די רוסן, דורך פאַרשידענע וועגן געזוכט די צוזאַמענאַרבעט מיט קייזערלעכן דייטשלאַנד; מיט די פירער פון דער ווייַמאַרער רעפּובליק און שפּעטער — מיטן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם.

אין די קריטישע טעג פון 1932 ווען די היטלעריסטישע באַנדעס האָבן אין טאָג־טעגלעכע קאַמפן מיטן דייטשן אַרבעטער־קלאַס געשלאָגן און געמאָרדעט אַרבעטער־טוער איז פלוצלונג פון קאָמינטערן געקומען דער רוף — צו באַקעמפן די דייטשע „סאָציאַל־פאַשיסטן” — די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

מיט דער טאַקטיק פון קאָמינטערן איז דורכגעבראָכן געוואָרן דער אייניהייטס־פראָנט צווישן די פּאַרטייען.

די שפּאַלטונג אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס האָט פאַרגרעסערט די שאַנסן פון די היטלעריסטן לעגאַל צו געווינען די וואַלן, און דעראָבערן די מאַכט אין יאָר 1933.

די עפענונג פון רייכסטאַג איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון קלאַראַ צעטקין, וועלכע איז ספּעציעל געקומען פון מאָסקווע (זי איז געווען די עלטסטע אויסגעוויילטע דעפּוטאַטין). נאָכן אונטערצינדן דעם רייכסטאַג דורך אַ האָלענדישן פּראָוואָקאַטאָר וואַן דע לובע, האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן פון אַרבעטער־טוער, זשורנאַליסטן און ייִדן. אַ סך זענען באַלד געוואָרן דערמאָרדעט. טייל האָט מען אינטערנירט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון זאַקסענהויזן און דאַכאַו. צווישן די אינטערנירטע האָבן זיך געפונען אַלע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן מיט ערנסט טעלמאַן אין דער שפּיץ. אין אַלע אייראָפּעישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען איז געקומען צום אויסדרוק דער פּראָטעסט קעגן דער שענדלעכער האַנדלונג פון קאָמינטערן, צוליבן צעברעכן דעם אייניהייטס־פראָנט.

פון דעם מאָמענט דאַטירט זיך די ערנסטע אָפּאָזיציעס אין די רייען פון די מאָנאָליטישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם הייבט אָן אויסשפּרייטן זיינע איינפלוסן אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע — ווי: עסטרייך, טשעכיע, רומעניע, ליטע און אויך פוילן.

---

הייט, וואָס זעט נישט פאַר זיך קיין אויסוועג.

געוויס — מיליאָנען מענטשן דעמאָנסטרירן קעגן דער פּראָדוקציע פון אַטאָמיש געווער — צום באַדויערן איז עס אַן איינזייטיקע דעמאָנסטראַציע, ווייל אין די טאָטאַליטאַרע לענדער דעמאָנסטרירט מען נישט. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס פאַרשווערן אָבער די אַנטוואָפענונגס אונטערהאַנדלונגען, ווייל אַ דאַנק זייער דרוק, האָפן די סאָוויעטן, וועט זיי געלינגען אַרויסצובאַקומען בעסערע באַדינגונגען און קאָנצעסיעס.

דער שווער־פּונקט אין גאַנצן קאָמפּלעקס פראַגן ליגט אין דעם אומצוטרוי צווישן פעלקער און לענדער. וואָרעם אַלע צדדים פאַרשטייען, אַז מען מוז באַגרענעצן די באַוואָפענונג. די צרה באַשטייט אָבער אין דעם נישט געטרויען אַז די אָפּמאַכן וועלן אָפּגעהיט ווערן. און איינעם אַזאַ באַווייז האָבן מיר דאָך שוין: דער אָפּמאַך וועגן מענטשנרעכט צווישן מערב און מזרח. אַן אָפּמאַך, וועלכער איז באַלד געבוירן געוואָרן ווי אַ קריפּל און האַלט אויף זיינע פאַרקריפּלטע באַגריפן, ווייל יעדער פאַרשטייט מענטשנרעכט, ווי אַזוי עס פּאַסט זיך אַריין אין זיין רעזשים.

שלום ג.

# צווישן זײַן און נישט זײַן

די טעכנאָלאָגיע וואָס שפּאַנט מיט שנעלע טריט אין דער ריכטונג אויפצובויען אַ מעכטיקן קריגס־אַרסענאַל, מאַרשירט אונטער דער לאָזונג פון ... שלום.

אין אָט דעם כסדרדיקן געיעג נאָכן שלום, האָט מען דערווייל אויפגעשטעלט אַן אַטאָמישן פּאָטענציאַל, פאַרנוצנדיק דערביי צוויי־פינפטל פון די בודזשעטן, וואָס ווערן אין דער וועלט אויסגעגעבן אויף וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. דער דאָזיקער נוקלעאַר פּאָטענציאַל איז בכוח צוויי מאָל חרוב צו מאַכן די וועלט. (כאָטש ציניקער פרעגן: צו וואָס צוויי מאָל, וועט דאָך נאָכן ערשטן מאָל סיי ווי גאָרנישט איבערבלייבן חרוב צו מאַכן ...) גלויבן מיר די וויסנשאַפטלער אויפן וואָרט, ווייל טאָמער חלילה וועלן זיי זיך איינשפּאַרן און דווקא וועלן עס דערוויזן, קאָן אַמאָל נישט בלייבן קיינער זאָל עדות זאָגן, ווי ווייט דער עקספּערימענט איז געלונגען ...

די אומזיכערקייט מיטן מאָרגן, שטערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פון לעבן. אַ מענטש, וואָס קאָן נישט פּלאַנירן זיין לעבן אויף אַ ווייטער מעטע — ווערט אַפּהענטיק, פּעסימיסטיש און פאַרלירט יעדע שעפערישע איניציאַטיוו וועלכע איז נויטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אידייען, צי דאָס איז אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט (מעדיצין, טעכנאָלאָגיע פון טאָג־טעגלעכן לעבן) אָדער פּריוואַטע אונטערנעמערישקייט.

די אומזיכערקייט מיטן מאָרגן, די טרויעריקע נביאות פון דעם, אויף וואָס מיר קאָנען זיך ריכטן, אויב ... שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די עלעמענטאַרסטע באַדערפענישן און די נאַטירלעכסטע פאַרלאַנגען:

— האָט דער מענטש אַ רעכט אויפצושטעלן א פאַמיליע, אָדער נישט?

— וויפיל צייט איז אים, דעם מענטש נאָך פאַרבליבן?

די דאָזיקע פראַגן טראָגן שוין אין זיך די עלעמענטן פון דעסטרוקציע פון אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, און עס ווערט אַ באַדערפעניש פון לעבן מיטן טאָג. היינט.

ביי טייל ווערט דאָס לעבן מיטן היינט אידענטיפיצירט מיט הפקר און דער רעזולטאַט: די באַוואָפנטע, טעראָריסטישע באַנדעס וועלכע בושעווען מיט אָדער אָן „אידעאָלאָגישע עטיקעטן״.

דערווייל טוען וויסנשאַפטלער, מיליטערישע סטראַטעגן און פילאָסאָפן ס'זייעריקע. דיסקוטירן וועלכע אַטאָמישע קראַפט איז פאַר אַ מדינה נויטיק צו פאַרמאָגן, כדי דאָס קעגנערישע לאַנד (דער עווענטועלער שונא) זאָל מורא האָבן זיך באַנוצן מיטן אַטאָמישן כוח, וויסנדיק וועגן די קאָנסעקווענצן וועלכע אַזאַ טאַט קאָן ברענגען.

נאָך דעם, ווי אַלע מלוכות וועלכע פאַרמאָגן אַטאָמיש געווער האָבן אָפּגעגעבן פייערלעכע דעקלאַראַציעס, ספּעציעל אַמעריקע און רוסלאַנד, אַז זיי וועלן נישט זיין די ערשטע זיך מיט דעם געווער צו באַנוצן — האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די סטראַטעגישע דיסקוסיע וועגן דער צווייטער רונדע.

דאָס הייסט — אַז נאָך דעם, ווי איין לאַנד האָט פאָרט נישט אויסגעהאַלטן און געלאָזט אין גאַנג אירע אַטאָמיש אויסגעשטאַטע ראַקעטן, כדי צו פאַרניכטן אַ צווייט לאַנד און די טעכנישע איינריכטונגען וועלכע דאָס לאַנד פאַרמאָגט — דאַרף דאָס צווייטע לאַנד פּלאַנירן איר מיליטערישע קאַפּאַציטעט צו אַזאַ מדרגה, אַז זי זאָל פאָרט זיין בכוח ענטפערן מיט אַ קעגן־אָנגריף.

דאָס פאַרמאָגן אַזאַ קאַפּאַציטעט דאַרף ערשט זיין די ריכטיקע סיבה, צוליב וועלכער סיזאָל אויסגעמיטן ווערן דער ערשטער אָנגריף.

אין מיטן פון אָט דעם טעאָרעטישן קאָפּ־שווינדל, (ווו אין קאָן שטייט אונדזער זיין — אָדער נישט זיין) קומען אַרויס פאַראַנטוואָרטלעכע מיליטער־לייט מיט דער מיינונג, אַז דאָס פּראָדוצירן ראַקעטן וועלכע קאָנען טראָגן די אַטאָמישע באָמבע איבער קאָנטינענטן, צום ווייטסטן ווינקל פון דער ערד, ווערט נישט געמאַכט אויפן פאַרלאַנג פון מיליטער־לייט, ווי אַ מיליטערישע נויטווענדיקייט, נאָר אונטערן דרוק פון טעכניקער, וואָס פּראָדוצירן די דאָזיקע פאַרניכטונגס מכשירים.

מיר האָבן תמיד געגלויבט, אַז טעכניקער און וויסנשאַפטלער געפינען זיך אונטערן דרוק פון פּאָליטיקער — און אין פּאָליטיק קומען אַמביציעס: פּערזענלעכע נאַציאָנאַלע. פאַר לאָגיק איז נישטאָ קיין סענטימענטן. און דאָ האָבן מיר גאָר דערזען אַ קאַפּויער בילד, וואָס וועט אונדז אפשר באַווירקן איבערצוטראָגן אונדזערע סימפּאַטיעס און דרך־ארץ פון די וויסנשאַפטלער צו די פּאָליטיקער ...

אַ חוץ אַלעמען: די מיליטערישע בודזשעטן, וואָס דאַרפן באַצאָלן פאַר דער פּראָדוקציע פון אינסטאַלירן און אָפּהיטן די דאָזיקע ווייט־שיסנדיקע ראַקעטן — דערגייען אין די מיליאַרדן דאָלאַרן. זיי ווערן אָפּגעשפּאָרט פון די באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג, ווו מען נויטיקט זיך אין זיי אַממערסטן.

דאָס נאַטירלעכסטע — רעקאָמענדירן פאַכלייט וואָס וויסן מיט וואָס דער ענין שמעקט — איז צו פאַרניכטן דעם גאַנצן זאַפּאַס פון אַטאָמישן וואָפן און — פּטור.

אין דעם זעלבן אָטעם גיבן זיי אָבער צו (אַביסל פאַרשעמט), אַז דאָס איז אַן אוטאָפּיע; אַז אין יאָר 1928 האָט אַ קאָנפערענץ פון 62 לענדער אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך וואָס פאַרווערט מלחמה.

דעם אָפּמאַך אויפצוצווינגען אויף די פעלקער, זיי זאָלן אים אָפּהיטן, האָט מען איבערגעלאָזט פאַר דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געוויסן פון דער עפנטלעכער מיינונג.

אַזוי שנעל אָבער ווי מ'האָט דעם אָפּמאַך פייערלעך אונטערגעשריבן — אַזוי שנעל האָט מען אין אים פאַרגעסן.

די היינטיקע דעקלאַראַציעס וועגן „נישט באַנוצן זיך דער ערשטער״ וועלן אַזוי לאַנג אָפּגעהיט ווערן, ווי לאַנג עס וועט זיך לוינען די, וועלכע האָבן אַזעלכע דעקלאַראַציעס אָפּגעגעבן.

אין אָט דעם פאַרכישופטן ראָד באַוועגט זיך אַ מענטש־

הענט ליגט דער כוח פון אַרויסרופן מלחמות; אַראָפּוואַרפן רעגירונגען; מאַכן אַ קריזיס.

האָט אָבער לעצטנס אַ טרויער איינגעהילט די ייִדן האַסער. פרעגט איר פאַרוואָס? פשוט. ווייל אַלץ וואָס זיי האָבן געדרשנט און אויסגעטראַכט אויף ייִדן, וואָס אָנבאַלאַנגט געלט, איז אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן רעאַליזירט געוואָרן דורך די אַראַבער.

דאָס זענען דאָך די אַראַבער וועלכע שאַלטן און פּראַלן היינט מיט דער וועלט־ווירטשאַפט. דאָס זענען די אַראַבער, וועלכע העכערן יעדן „מאָנטיק און דאָנערשטיק" די פּרייזן פון אויל און פאַרגרעסערן דורך דעם די אינפלאַציע און דערמיט די אַרבעטסלאָזיקייט. דאָס זענען דאָך זיי, די אַראַבער, וועלכע באָרגן היינט אַזוינע סומעס פון וועלכע קיין שום ייִדישער באַנקיר האָט אַפילו נישט געקאָנט טרוימען. זיי צווינגען קאָמפּאַניעס און רעגירונגען אָנצונעמען אַ באָיקאָט אויף ייִדן. קיינמאָל אין דער געשיכטע איז נישט געווען אַזאַ קאָנצענטראַציע פון געלט אין די הענט פון אַזאַ קליין הייפל מענטשן: אַ נעץ פון האָטעלן, קאָנצערנען פון אויטאָס; פלי־געזעלשאַפטן; אינוועסטירונגען אין גאַנצע לאַנד־קוואַרטאַלן, ים־ברעגן און אפילו גאַנצע דערפער.

ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, בלייבט עס דאָך אַ פאַקט וועלכער לערנט: — אַז די אַלע וועלכע האָבן מכלומרשט אַזוי געציטערט פאַר דעם ייִדישן קאַפּיטאַל, ווייל דורך דעם קענען זיי (ייִדן) נאָך באַהערשן די גאַנצע וועלט — זיצן איצט אַזוי רואיק און זענען אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דעם וואָס אַראַביש געלט מאַכט מיט דער וועלט.

מען קען דעריבער מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אויך דער אַלט־נייער פינאַנס־אַרגומענט ווערט לחלוטין אָפּגעפרעגט, פון לעבן גופא, פאַר אַלעמענס אויגן.

פרעגן מיר דעריבער: אויב נישט די מעשה לבנון און אויך נישט דער אַמאָליקער אויסגעשריי וועגן די ייִדישע ראָטשילדס און אָפּענהיימערס, איז וווּ ליגט פאָרט די סיבה פון דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם?

★

ס'לאָזט זיך טראַכטן, אַז דער לעצטער אויסברוך פון אַנטיסעמיטיזם דרינגט פשוט פון דעם, וואָס די וועלט קען נישט — און וויל נישט — טאָלערירן אַ שטאַרקן ייִד. מען איז געוווינט געווען צו קוקן אויף דעם ייִד ווי אַ שוואַכלינג, אַ שלימזל, ווען עס קומט צו פיזישן כוח, ספּעציעל אין פּוילישן מיליטער... אַ צעקראַכנקייט — וואָס איז דער אָביעקט פון חוזק.

די פעלקער פון דער וועלט האָבן זיך אַזוי איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, אַז מען קען דעם ייִד טראַקטירן לויט יעדן פאַרלאַנג און געשמאַק — אַז זיי קענען איינפאַך נישט פאַרדייען דעם געדאַנק, אַז זיי האָבן מער נישט די מעגלעכקייט פון זען דעם אויסגעשפּעטן ייִד — נאָר זיי מוזן (נעבעך) זיך מודה זיין, אַז אַ נייער ייִד איז דאָ אויף דער וועלט: — אַ ייִד וועלכער קען זיך אַריינזעצן אין אַ טאַנק; פליען אַזוי הויך, אַז די סאָוויעטן מוזן קנייטשן דעם שטערן און קענען נעבעך (דערווייל) נישט דערגיין דעם סוד...

זיי, די אַדללייט, קענען נישט פאַרגעסן דאָס וואָס ס'איז לחלוטין נישט ווערט צו געדענקען. אָבער פאַר אונדז איז דאָס געדענקען אַ געבאָט און דאַרף ווערן אַ דעוויז.

נעמט, למשל, פעלקער ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. פאַר זיי איז דאָך דער געפייניקטער, דער פאַרברענטער, דער פאַרטריבענער און באַרויבטער ייִד געווען אַ טאָג־טעגלעכע וויזיע; אַז דער ייִד דאַרף זיין גרייט אויסצוקויפן זיין לעבן, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ האָר, איז פאַר די פעלקער געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג.

די ענגלענדער, וועלכע זענען געקומען קיין ישראל צוזאַמען מיט די פראַנצויזן און דייטשן אין די צייטן פון די קרייץ־צוגלער האָבן אין ישראל געטאָן מיט דעם קליינעם הייפל ייִדן פונקט אַזוי ווי זיי זענען געוווינט געווען צו מאַכן פון דעם ייִד אַלץ וואָס זייערע הערצער האָט פאַרגלוסט. די אור־אייניקלעך פון די אַלטע קרייץ־צוגלער געדענקען נאָך אַלץ גוט די צייטן ווען מען האָט נישט דערלויבט די ייִדן צו וווינען אין ירושלים — און היינט דאַרפן זיי גאָר אונטערהאַנדלען מיט די פאָרשטייער פון דער ייִדישער רעגירונג, וועגן די רעכט אויף זייערע הייליקע ערטער.

וועגן דער קאַטוילישע קירכע, וואָס איר צענטער איז אין רוים, דאַרף מען באַשטימט נישט פאַרלירן קיין סך ווערטער.

ס'זענען געווען צייטן, אַז ווי נאָר אַ ייִד האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט און איז אַדורכגעגאַנגען אַ קבר, אונטערן אויפזיכט פון דער קירכע אין דער אַלטער שטאָט (ירושלים) זענען זיינע ביינער צעטרייבערט געוואָרן.

יאָ, דער וואַטיקאַן האָט נאָך נישט פאַרגעסן די צייט ווען מען האָט די אומגליקלעכע ייִדן פאַרפייניקט אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע — דעריבער איז אים אַזוי שווער צו זיין איינשטימיק מיט אַ שטאַרקן ייִד, וועלכער קען געבן אַ שטאַרקן קלאַפּ, ווען דאָס איז נויטווענדיק. ס'זעט עפּעס אויס, אַז דער וועלט לייגט זיך גאָר נישט אויפן שכל, אַז דער ייִד פון היינט — איז נישט דער ייִד פון נעכטן.

קומען זיי צו אונדז און פרעגן ציניש: „היתכן: מילא, די אַראַבער זענען אַ פּרימיטיוו פאָלק אָן בילדונג, איז וואָס קען מען פון זיי דערוואַרטן, אָבער איר, דאָס פאָלק פון תנ"ך, פון די נביאים, איר פאַרגיסט גאָר בלוט?"

די מיינונג, אַז דעם פיינד איז אַלץ דערלויבט — און אונדז איז אַלץ פאַרווערט — איז געבויט אויף דער אויסגעוועפּטער טעאָריע פון אונטערשטעלן די צווייטע באַק. מיר ייִדן האָבן קיינמאָל נישט אָנגענומען די טעאָריע.

דאַרפן מיר זיך דעריבער גאַנץ ווייניק רעכענען מיט דעם, וואָס די וועלט קען אונדז נישט מוחל זיין די „זינד" פון זיין אַ שטאַרקער ייִד.

אונדזער אויפגאַבע איז צו טאָן אַלץ, מיר זאָלן בלייבן שטאַרק סיי אַלס אַ ייִד און סיי אַלס אַ פאָלק.

א. זילבער

# מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם

אַנטיסעמיטיזם איז כמעט אַזוי אַלט ווי דאָס יידישע פאָלק. וועגן אים איז שוין אַזוי פיל געשריבן געוואָרן — סיי פאַר — און סיי קעגן — אַז מען קען דאָ ריזיקירן צו פּאַראַפראַזירן די ווערטער פון אקדמות (געלייענט אין יום־טוב פון שבועות): „ווען אַלע הימלען וואָלטן געווען פּאַרמעט און אַלע וואַסערן טינט וואָלט מען אויך נישט געקענט אָנשרייבן די סודות פון דער תורה".

ווער קאָן זיך אונטערנעמען (אַפילו מיט אַ קאָמפּיוטער) אויסצורעכענען דאָס אַלץ, וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן וועגן אונדז אריינגעלערנט און ארויסגעלערנט.

ס'איז נישט מעגלעך און נישט כדאי.

דאָך, אַז ווען מען וואָלט געטיילט מעדאַלן פאַר אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע — קומט אונדז עפּעס אויס וואָלט דאָס יאָר 1982 זיך זיכער כשר פאַרדינט אַזאַ אויסצייכענונג.

ווי אַ לאַווע־אויסגוס האָט דער יידנהאָס אַרומגעכאַפּט כמעט די גאַנצע וועלט. און כאָטש ביטער געטראָפן פון דער יידן־פאַרברעכערישער שנאה האָבן מיר דאָך באַוווּנדערט מיט וויפל אַנטשלאָסנקייט זיי האָבן דאָס געטאָן און טוען ווייטער זייער עקלדיקע אַרבעט.

דער געדאַנק הערט נישט אויף צו פּייניקן! פון וואַנען ווידער אַ מאָל אַזאַ אַנטשיידענע זאָאָלאָגישע שנאה צו אונדזער פאָלק? צי זענען זיי ביי דער מיינונג, אַז דער אשמדאי האָט נאָך צו ווייניק פאַרצוקט פון אונדזער פאָלק ? !

דו פרעגסט און זוכסט אַן ענטפער. אָבער קיין תשובה איז נישטאָ. סיידן מען זאָל אָננעמען פאַר אַן ענטפער דעם אַלטן כלל: „ס'איז באַקאַנט אַז עשו האָט פיינט יעקבן".

דאָס וואָלט, אָבער, קוים געווען אַ פאַרענטפערונג און בשום אופן נישט קיין ענטפער.

---

זיך אין פוילן אַלס טייל פון וואַרשעווער פּאַקט. די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן צוריקגעשטעלט די ציווילע אָרדענונג און זיי האָבן קיינעם נישט געהרגעט...

דער קאָרעספּאָנדענט האָט אים געפרעגט וועגן זיין מיינונג בנוגע דער מיליטערישער הילף פאַר עטיאָפּיע קעגן עריטרעאַ, וווּ עס זענען געהרגעט געוואָרן טויזנטער ציווילע מענטשן. אויך דאָס האָט נישט געמאַכט קיין איינדרוק אויף דעם שרייבער וואָטען, הגם דער קאָרעספּאָנדענט באַמערקט, אַז ער איז געזעסן אויפן עק פון דער שטול.

ביי אונדזערע אינטעלעקטואַלן הייסט דאָס — אַ וואַרעמער הומאַניסט...

זאָגן אַנדערע: ס'איז די מעשה לבנון, וואָס האָט ווי אַ ווולקאַן־אויסברוך געגעבן די מעגלעכקייט צו דער אַנטפּלעקונג פון אַזאַ אומפריינדשאַפט. אומזין! דאָס קען לייכט אָפּגעפרעגט ווערן פון יעטוועדן בר־דעת. ווער ווייסט דאָך נישט וויפל קרבנות פון לבנונער פאָלק האָט איינגעשלונגען דער סירישער „מולך", דער אַראַפאַטישער „מולך" און די פאַרשידענע רעליגיעזע גרופּן מיט אַ שאַשטיל. בלוט איז געווען ביליקער ווי וואַסער און קיינער האָט נישט רעאַגירט.

אפילו דער פּויפּסט אַליין, וועלכער איז לעצטנס געוואָרן אַ „פליענדער האָלענדער" צו מאַכן שלום אין פאַרשידענע לענדער — איז אַלע יאָרן שטילער פון וואַסער, זייענדיק אַן עדות, ווי זיינע הייליקע קריסטן שעכטן און ווערן גרענעצלאָז געשאָכטן. און ווידער אַמאָל שאַ־שטיל. מען הערט נישט די שטים פון וואַטיקאַן.

זיי, די אַלע מכלומרשטע בני רחמנים ווייסן גאַנץ גוט, אַז ישראל האָט נאָר געוואָלט (און געמוזט) אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון דער אַראַפאַט־שלאַנג, וועלכער טוט טאָג־איין — טאָג־אויס באַדראָען דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק און מדינה. — און דאָ האָט זיך מיט איינמאָל אויפגעהויבן דער הילך־געשריי.

ניין. נישט די רחמנות־געפילן צום לבנונער פאָלק האָט אַרויסגערופן דעם האָס קעגן אונדז.

די לבנונער באַפעלקערונג גייט זיי אָן ווי אַ הונט די לינקע פּאה.

איז ווו דען קענען מיר זוכן די מאָטיוון פאַר די לעצטע, ביז גאָר שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן יידן?

אין די גאָר אַלטע „גוטע צייטן" איז דער אלף און תו (תוו) פון די אַנטיסעמיטן געווען, אַז יידן האָבן אַ ספּעציעלע באַציאונג צו געלט: — געלט האָבן זיי ליב, מער פון אַלץ.

אין דעם מיטאָס וועגן יידן און געלט שפּילט די מעשה מיט דעם עגל־הזהב (גאָלדן קאַלב) אַן ערשטראַנגיקע ראָל. דער ייד, דאָס „ווייסט" יעדער אַנטיסעמיט איז נאָר פאַראינטערעסירט אין געלט. מיט אַרבעט שעמט ער זיך נעבעך. און ווייל דאָס איז געווען דער צענטראַלער פּונקט אין זייער לעבן — טענהן די יידן־האַסער — האָבן זיי זיך באַמיט צו זיין די בעסטע אויף דעם געביט: זיי זענען קרעדיט־אָרגאַניזאַטאָרן, זיי (די יידן) זענען דאָס די וועלכע נעמען אַ ביז גאָר הויכן פּראָצענט פאַר דעם געלט וואָס זיי באָרגן די גראַפן און דעם פאָלק. אין די אויגן פון די אַנטיסעמיטן קען מען אַלע שלעכטע שטריכן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט געלט, געפינען נאָר ביי יידן: קאַרגשאַפט; נישט פאַרגינערישקייט; גייציקייט; אָפּנאַרעריי. אַלס אַזאַ ווערט דער ייד פאַרגעשטעלט אין זייער ליטעראַטור; אַלס אַזאַ זעט מען אים אויף די בינעברעטער. ווער געדענקט דאָס נישט די טיפּן: — פייגין (אָליווער טוויסט) אָדער שיילאָק?

נענטער צו אונדזער צייט האָבן די יידנפרעסער גאָר געזען די אָפּענהיימערס; די ראָטשילדס; די וואַרבורגס. זיי — די יידישע גבירים — האָבן די שונאי ישראל געטענהט, האָבן דעם שליסל צו דער וועלט; אין זייערע

אָבער דער „עידזש״ ווערט ווייטער קריטיקירט פון אַנדערע יידישע מענטשן. אין סאַמע מיטן פון דער לבנון־מלחמה האָט דער „עידזש״ אָפּגעדרוקט אַ „בריוו אין רע־דאַקציע (דעם 15־טן אויגוסט 1982), וועלכער שרייבט זיך אונטער: סעקרעטאַר פון פּאַלעסטינער אַרבעטער־יוניאָן צענטראַל־קאָמיטעט. אין דערמאָנטן בריוו זאָגט מר. ט. שער, „אַז די פינפטע קאָנפערענץ פון די ציוניסטן אין לאָנדאָן, אין 1901, האָט באַשלאָסן אויסצוראָטן די גאַנצע פּאַלעסטינער ראַסע...״

אויף דערויף האָט מר. בן־ציון פּאַטקין אַריינגעשיקט אַ בריוו אין רעדאַקציע פון „עידזש״, ווו ער בעט אַז מר. טאָני שער זאָל אים אָנרופן די קוועלע פון זיין בייז־וויליקער אינפאָרמאַציע וועגן אַ ציוניסטישער קאָנפערענץ אין 1901 און איר כלומרשטער רעזאָלוציע וועגן אויסראָטן די פּאַלעסטינער ראַסע.

דער „עידזש״ האָבן בן־ציון פּאַטקינס בריוו נישט אָפּגעדרוקט און ער האָט אים שפּעטער אַריינגעשיקט אין „קוואַדראַנט״ און איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אין יאַנ.־פעב. נומער 1983. אין זיין בריוו פּאַראורטיילט ער שוין די חוצפּהדיקע אַרויסטרעטונג פון ברענדאַן מאָלאָנעי, פאַר־גלייכנדיק אים צו אַ שיכורן פּאָליציאַנט אין צאַרישן רוס־לאַנד, וועלכער טענהט: „וואָס איר געמיינע יידן זאָלט נישט טאָן — זייט איר אַלע זשידי...״ (אַ באַלידיקנדיקער אויסדרוק אין רוסיש).

אַן אַנדערער יידישער זשורנאַליסט, מאַרק בראַהאַם פון סידנעי (ער האָט אַ מאָל געשריבן אָפּט אין „די אוי־סטראַליען דזשואיש העראַלד״) שרייבט אויך אַ בריוו אין זעלבן נומער „קוואַדראַנט״ וועגן דער בריוו אין רע־דאַקציע פּאָליטיק פון „עידזש״. ער דערמאָנט, אַז אין שיי־כות מיט דער אויספאָרשונג וועגן דער אַנטי־יידישער ראַדיאָ־סטאַציע „דריי־סי־אַר״ (אָקט. 1978) האָט ער אַריינגעשיקט דריי בריוו אין רעדאַקציע פון „עידזש״, וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן.

ווי מיר קענען זעען, איז די דאָזיקע צייטונג גאַנץ איבערקלייבעריש וואָס שייך איר כלומרשט „אָביעקטיווע אינפאָרמאַציע...״

## די יודאַ וואָטען קאָנטראָווערסיע

אין „קוואַדראַנט״ האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפע קאָנטראָווערסיע אַרום דעם באַקאַנטן שרייבער יודאַ וואָ־טען. מיר ווילן זיך נישט אַריינלאָזן אין פּרטים וואָס דער אָדער יענער שרייבער האָט געשריבן, אין גרונט גענומען באַשטייט די פראַגע אין דעם: צי קען אַ קאָמוניסטישער שרייבער זיין אַ הומאַניסט, בעת ער פּרידיקט יושר אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און אין דער זעלבער צייט אַקצעפּטירט ער, און פאַרענטפערט, די ברוטאַלע מעשים אין די קאָמוניסטישע לענדער.

אין פאַרטיידיקונג פון יודאַ וואָטען איז געקומען די באַקאַנטע אויסטראַלישע שרייבערין (פון יידישער אָפּשטאַ־מונג) נענסי קיסינג. אַ געוויסע צייט האָט זי פאַרנומען דעם חשובן אַמט פון פאָרזיצערין פון דעם אויסטראַ־לישן ליטעראַטור־קאָמיטעט, אַ מלוכהש־סובסידירטע אָרגאַניזאַציע צו פאַרטיילן אונטערשטיצונג פאַר אוי־סטראַלישע שרייבער.

זי שרייבט:

„דער מענטשלעכער שכל אַרבעט אָפט אויף אַ צעשפּאָלטענעם אופן. אונדזער גרונט־סכיזאָפרעניע אַרבעט אויף אַזאַ אופן, אַז טייל מענטשן קענען באַגיין אָדער פאַרטיידיקן גרויליקע מעשים און גלייכצייטיק טוען און שאַפן גוטע זאַכן, וואָס שאַפן פאַר זיי דוירערהאַפטע אָנערקענונג...״

„דערפאַר דאַרף מען נישט זיין איבערראַשט, ווען יודאַ וואָטען קען אונטערשטיצן שרעקלעכע האַנדלונגען, און פון דער אַנדערער זייט איז ער אַן אָנגעזעענער און וואַרעמער באַוווּנדערטער שריי־בער פון אַ הויכער מאָראַלישער ווערט; זיין דער־ציילערישער אופן איז זייער גוט און ער האָט גע־שפּילט אַ גרויסע ראָל ביים אינטערפּרעטירן אַ טייל פון אויסטראַליעס רייכער אימיגראַנטישער קולטור פאַר דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט. עס איז אויך נישט סתירהדיק אין דעם זין, וואָס וואָטען איז אַן איידעלער און גוטער מענטש, און אַ פריינד וועל־כער ווערט הויך געשאַצט מצד מענטשן וועלכע זענען מיט אים פּאָליטיש נישט מסכים... עס איז איין זאַך נישט ליב צו האָבן וואָטענס פּאָליטיק און אַן אַנדערע זאַך צו זאָגן, אַז ער איז אַן „אימפּעראַ־טאָר אָן קליידער״, אָדער אַ מענטש וואָס פאַרשטייט נישט די מאָראַלישע באַדייטונג פון פאַקטן בכלל״ (ווערטער פון מאַרטין קריגער).

נענסי קיסינג קריטיקירט אויך דעם „קוואַדראַנט״ צוליב אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ניו־יאָרק, פון איינעם מייקל לעווין, און וועלכער ער קריטיקירט שאַרף דעם פּען־קלוב צוליבי זיינע כלומרשט אַפּאָליטישע, אָדער אָפּאָרטוניסטישע האַנדלונגען.

יודאַ וואָטען האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ ניי בוך א״נ „סצענעס פון רעוואָלוציאָנערן לעבן״. פון אַן אינטער־וויו אין „עידזש״ ווילן מיר בלויז אַרויסנעמען איניקע פון יודאַ וואָטענס געדאַנקען.

— ער וועט נישט אויפהערן צו אַקצעפּטירן סאָוויעט־רוסלאַנד, אפילו אין איר באַציאונג צו יידן אין רוסלאַנד; ס׳קען זיין אַז טייל יידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט רוסלאַנד, זענען געווען ציוניסטיש געשטימט און דאָס האָט נאַטיר־לעך זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ קאָנפליקט מיט דער פּאָ־ליטיק פון דער סאָוויעט־רעגירונג. אָבער דו וועסט ווערן איבערראַשט פון דער צאָל יידן אין הויכע פּאָזיציע דאָרטן היינט־צו־טאָג...

— אונגאַרן איז געווען אַ קאָנטער־רעוואָלוציע און די אונגאַרישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט באַדאַרפט האָבן די הילף פון סאָוויעט־רוסלאַנד כדי זי אונטערצודריקן; דאָס זעלבע איז ריכטיק לגבי טשעכאָסלאָוואַקיע און פּוילן. די רויטע אַרמיי איז נישט פאַרמישט אין די געשעענישן וואָס שייך „סאָלידאַריטעט״ און סאָוויעט־רוסלאַנד געפינט

הערשל באַכראַך

# יידישע ענינים אין דער אויסטראַלישער פּרעסע

דער אויסטראַלישער ליטעראַרישער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „קוואַדראַנט“ איז, ווי באַקאַנט, קאָנסעקווענט אַנטי־קאָמוניסטיש און אין דער זעלבער צייט פּראָ־ישראל און אַנטי־אַנטיסעמיטיש. ווייזט אויס, אַז אין היינטיקע צייטן גייען די דאָזיקע זאַכן צוזאַמען, און פאַרקערט — וואָס מער איינער איז כלומרשט לינק, אַלץ מער איז ער אַנטי־ישראל און מער איינגעשטעלט צו אַנטיסעמיטישע געדאַנקען און אַרויסטרעטונגען.

עס איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז דער קוואַל פון דער דאָזיקער משונהדיקער איינשטעלונג קומט פון סאָוויעט־רוסלאַנד און פון די קאָמוניסטישע קרייזן אומעטום. אַזוי לאַנג ווי זייער שטעלונג וועט זיך נישט ענדערן, וועלן נישט־קאָמוניסטישע לינקע זיין אויסגעשטעלט אויף אָט דעם העסלעכן אַנטיסעמיטישן דרוק, וואָס איז ספּעציעל געקומען צום אויסדרוק אין דער לעצטער לבנון־מלחמה.

אין „קוואַדראַנט“ פון נאָוועמבער 1982 האָט זיך באַוויזן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג א״נ „די מעדיא ווערסוס ישראל“, אָנגעשריבן פון פּראָפעסאָר וו. ד. רובינשטיין, פון אוניווערסיטעט אין דזשילאָנג. ער באַווייזט, און קריטיקירט, סיי די פּרעסע און סיי די טעלעוויזיע, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן אַן עקסטרעמע איינזייטיקייט קעגן ישראל בעת דער מלחמה קעגן די פּ.ל.אָ. אין לבנון. דאָס כסדרדיקע איבערחזרן די בילדער פון די איינגעפאַלענע וואוינונגס־הייזער און די ציווילע קרבנות פון פרויען און קינדער באַטראַכט פּראָפ. רובינשטיין, און מיט רעכט, אַלס בייזוויליקייט, וועלכע גרענעצט זיך אָפּט מיט „נאָרמאַלן“ אַנטיסעמיטיזם. רובינשטיין באַשולדיקט כמעט אַלע טעלעוויזיע־סטאַציעס און פון דער פּרעסע טיילט ער אויס באַזונדערס דעם „עידזש“, וועלכער האָט סיי אין די אינפאָרמאַטיווע ידיעות און סיי אין די לייט־אַרטיקלען אַרויסגעוויזן אַ בולטע אַנטי־ישראל שטעלונג.

ווי ס׳איז געווען פאָראויסצוזען, האָט דער „עידזש“ אַריינגעשיקט אַן ענטפער — „אַ בריוו אין רעדאַקציע“ — אונטערגעשריבן פון ברענדאַן מאַלאָנעי, פאַרטרעטנדיקער רעדאַקטאָר פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון „עידזש“ („קוואַדראַנט“, דעצ. 1982). דאָס קורצע בריוועלע און זיין אינהאַלט האָט בולט באַוויזן, אַז רובינשטיין האָט אין זיין קריטיק לגבי דעם „עידזש“ געטראָפן אין פּינטל אַריין. אָט איז דאָס בריוועלע:

> „איך גראַטולירן אייך פאַרן געפינען אַזאַ נייעם גלענצנדיקן סאַטיריקער אין דער פּערזאָן פון וו. ד. רובינשטיין. זיין אָפּמשלען אַ באַנומענעם ייִד („אָפּסעסד דזשו“), וועלכער לייענט די צייטונגען בעת דער אינוואַזיע פון לבנון און געפינט אין אַז זייערע אינפאָרמאַציעס דעקן זיך נישט מיט זיין מיינונג וועגן געשעענישן איז מייסטערהאַפט. ביטע דרוקט מער זיינע אַרבעטן...“

דאַכט זיך, אַז אַ מער בייזוויליקע רעאַקציע אויף רובינשטיינס גוט דאָקומענטירטן אַרטיקל, דאַרף מען נישט זוכן. עס איז גלאַט אַ חוצפּהדיקער אָנפאַל פון אַ באַנומענעם שונא־ישראל.

אין אַרט אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל פון רובינשטיינען וויל איך אָבער ריכטיק שטעלן. בעת ער רעדט וועגן דער אַנטי־מלחמה דעמאָנסטראַציע אין תל־אביב, רופט ער אָן די ציפער פון פופציק טויזנט. דאָס איז, מילד גערעדט, קינדיש, בעת מיר האָבן אַלע געזען אויף דער טעלעוויזיע, און געלייענט אין דער ישראל־פּרעסע, וועגן ציפערן וועלכע רעדן וועגן העכער דריי הונדערט טויזנט. אַקאַדעמיקער דאַרפן זיך זיכער האַלטן נענטער צום אמת...

אַנאָנסן, די ליטעראַטור וואָס זיי האָבן פאַרשפּרייט, האָבן באַוויזן דאָס פאַרקערטע.

★

אַ נאָרמאַל פאַלק משפּט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער אָנפירערשאַפט אין אַ יורידישער אויספאָרשונגס קאָמיסיע און די לעצטע אינסטאַנץ זענען די ווילער, די „דזשורי“. די „געשוווירענע ריכטער“ גיבן אַרויס זייער אורטייל מיט אַ מערהייט שטימען ביי די וואַלן.

סטיפן וויס און די אַנדערע פּראָמינענטע אָנפירער פון דער „עסטאַבלישמענט“ זענען נישט אויסגעווילט געוואָרן דירעקט דורך די אַמעריקאַנער יידישע מאַסן (5 מיליאָנען) און זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך לגבי די מאַסן. די זענען געווען אָנפירער, ווייל זיי זענען געווען פּראָמינענט, געהאַט אָפענע טירן צום פּרעזידענט, מיניסטאָרן, סענאַטאָרן, מאָדערנע שתדלנים.

היות אָבער זיי האָבן אויף זיך גענומען די ראָל אַלס רעפּרעזענטאַנטן פון די פינף מיליאָן אַמעריקאַנער יידן, מוז אַ געזעלשאַפטלעכע קאָמיסיע פון די אָביעקטיווסטע און פּראָמינענטסטע פערזענלעכקייטן, אויספאָרשן זייער ראָל אין די קריטישע צייטן.

עס איז נישט אַ פראַגע פון משפּטן און באַשטראָפן די דאָזיקע אָנפירער. די זענען שוין אַלע אויפן עולם האמת בײם בית דין של מעלה.

נאָך אַזאַ אויספאָרשונג וועט אַ היסטאָריקער אין זיין באַשולדיקונג מער נישט אידענטיפיצירן די נישט געווילטע אָנפירער מיט די פינף מיליאָנען אַמעריקאַנער יידן.

די אויספאָרשונג פון די „פיינלעכע פראַגן“ קאָן זיך נישט שטיצן בלויז אויף א נדבה פון א יחיד, אַ געוויסנעם קאָצעטלער. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע פליכט. אין קאָן שטייט דער כבוד פון די פינף מיליאָן אַמעריקאַנער יידן פון יענע קריטישע צייטן, ווי אויך די געשטאַלטונג פון נאַציאָנאַלער אחריות פון אַ יידישער אָנפירערשאַפט אין דער צוקונפט.

פאַר דעם שטייער אַמט (אינטערנעל רעווענין סערוויס). בעת דער אויספאָרשונג האָבן די מנהיגים אינספּירירט אַרטיקלען אין דער „וואַשינגטאָן פּאָסט“, וואָס האָבן באַשולדיקט די גרופּע אין שווינדלערייען. טראָץ דעם וואָס דער „אינטערנעל רעווענין סערוויס“ האָט באַפרייט די גרופּע פון אַ יעדן חשד און טראָץ דעם וואָס די „וואַשינגטאָן פּאָסט“ האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין וועלכן די צייטונג האָט צוריקגעצויגן די פאַרלוימדונגען און זיך אַנטשולדיקט, — האָבן די מנהיגים צירקולירט די פריערדיקע אַרטיקלען, וואָס האָבן אַנטהאַלטן די פאַרלוימדונגען און גלייכצייטיק געמאַכט באַמיאונגען צו דעפּאָרטירן בערגסאָן־קוקן. דאָס איז זיי נישט געלונגען, אין אַ דעקלאַסיפיצירטן מעמאָראַנדום פון סטייט דעפּאַרטמענט האָט ד״ר גאָלדמאַן ציטירט ראַביי וויס, אַז „בערגסאָן איז אַ שונא פון די יידן גליך מיט היטלערן, ווייל זיינע אַקטיוויטעטן פאַראורזאַכן אַנטיסעמיטיזם“.

★

40 יאָר שפּעטער. צי דאַרפן מיר זיך בכלל קימערן מיט דער מלחמה פון די לייבן פון אַמעריקאַנער יידישן „עסטאַבלישמענט“ קעגן אַ גרופּע יוגנטלעכע אַקטיוויסטן?

אָבער לאָמיר באַטראַכטן דעם סך הכל פון דעם בילאַנס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די פעלערן און דערגרייכונגען פון די ביידע צדדים און פון דעם דריטן צד — די טויטע יידן, וואָס האָבן געקאָנט געראַטעוועט ווערן.

אויף דער קרעדיט זייט פון העלפן און ראַטעווען יידן אין אייראָפּע אין דער קריטישער צייט האָט דער יידישער „עסטאַבלישמענט“ אין אַמעריקע צו פאַרצייכענען — זעראָ. גאָרנישט. וואָס שייך די בערגסאָן גרופּע, שטעלן פעסט געשיכטע פאָרשער אַז דער „וואָר רעפיודזשי באָרד“ איז געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק דער בערגסאָן גרופּע.

אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער בערגסאָן גרופּע האָט הענרי מאָרגענטוי (אַן אָפענער מיטאַרבעטער פון דער גרופּע) איבערגעגעבן רוזוועלטן (16־טן יאַנואַר 1944) אַ „פערזענלעכן ראַפּאָרט“, וואָס איז פאַקטיש געווען אַן אַלאַרמירנדיקער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן סטייט דעפּאַרטמענט. אַן אָנגעשטעלטער פון סטייט דעפּאַרטמענט וואָס האָט אין געהיים צוגעשטעלט אַ צאָל מאַטעריאַלן, האָט זיך לעצטנס אויסגעדריקט, אַז דער ראַפּאָרט איז געווען דינאַמיט. דער קלוגער רוזוועלט האָט אין אויגנבליק פאַרשטאַנען די סיטואַציע.

דער אַנטיסעמיטישער געהילף סעקרעטאַר פון סטייט דעפּאַרטמענט ברעקענרידזש לאָנג איז גלייך באַזייטיקט געוואָרן פון די יידישע ענינים. דער פּרעזידענט האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון מאָרגענטוי און אין אַ פּרעזידענטן־דעקרעט עטאַבלירט דעם „וואָר רעפיודזשי באָרד“ אַלס אַן אומאָפּהענגיקע אַגענץ דירעקט אונטער דעם פּרעזידענט.

אָט דער „וואָר רעפיודזשי באָרד“ האָט אָפּגעראַטעוועט מער ווי הונדערט טויזנט יידן. גענוג צו דערמאָנען, אַז ראַול וואַלענבערג פון דער שוועדישער דיפּלאָמאַטישער מיסיע אין בודאַפּעשט, איז אין דער אמתן געווען איינער פון דעם באָרדס שליחים...

דאָס איז פאַרצייכנט אויף דער קרעדיט זייט פונעם בילאַנס צום זכות פון דער בערגסאָן־גרופּע.

דער דריטער צד, די טויטע יידן טענהן, אויב ס'איז געווען מעגלעך אויפצושטעלן אַן אַפּאַראַט און ראַטעווען מער ווי הונדערט טויזנט יידן, וויפיל הונדערטער טויזנטער וואָלטן געראַטעוועט געוואָרן, ווען...?

דער דאָזיקער דריטער צד, די טויטע יידן זענען היינט פאַרטראָטן דורך געשיכטע־פאָרשער: „די אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער יידן האָבן אויך אַ חלק אין דער שולד פאַר דעם טויט פון זייערע זעקס מיליאָן ברידער“. „קעמפנדיק קעגן די אַקטיוויטעטן פון דעם „עמערדזשענסי קאָמיטעט“ (בערגסאָן־גרופּע — מ.פ.), אַנשטאָט אַרבעטן און ווירקן לויט דער בערגסאָן רעטונגס־פילאָסאָפיע, האָבן די אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער יידן פאַרפאַסט אַ וויכטיקן שאַנס צו צווינגען די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע צו אינטערווענירן אין דעם האָלאָקאָסט“. (ס. ע. „דזשערנאַל אָף קאָנטעמפּאָרערי היסטאָרי“ אַפּריל 1980).

★

קיינער באַשולדיקט נישט סטיפן וויס, ד״ר גאָלדמאַן און די אַנדערערע פון דער אָנפירשאַפט, אַז זיי זענען געווען פאַררעטער חס וחלילה. אַ פאַררעטער אַרבעט קעגן די אינטערעסן פון זיין פאָלק במזיד, ציל־באַוווּסט מיט דעטערמינאַציע.

די באַשולדיקונג קעגן די דאָזיקע יידישע פירער איז, אַז זיי האָבן געהאַנדלט קעגן די אינטערעסן פון זייערע יידישע ברידער אין אַן עת צרה — בשוגג.

אָבער די שגגה איז נישט געווען אַזוי אומשולדיק. זייער אויפפירונג איז געווען אַ רעפלעקס פון זייער מענטאַליטעט. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי זענען אוממעכטיק צו העלפן. פונקט ווי איינער וואָס קאָן נישט שווימען שטייט פאַרגליווערט, אוממעכטיק צו ראַטעווען אַ טרינקענדיקן.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז ווען איינער נעמט אויף זיך די ראָל פון אַ וועכטער ביי שטורמישע וואַסערן און קאָן נישט שווימען אָדער האָט נישט דעם קוראַזש צו ראַטעווען...

די באַשולדיקונג באַהויפּטעט אַז הונדערטער טויזנטער יידן האָבן געקאָנט געראַטעוועט ווערן.

די אַפּאָלאָגיסטן פאַר דער דעמאָלטיקער אָנפירערשאַפט באַהויפּטן אַז סטיפן וויס און זיינע געהילפן זענען געווען באַהערשט פון פחד, אַז דאָס פאַרעפנטלעכן די גרויזאַמע טאַטן פון די נאַציס וועט פאַרשפּרייטן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. ווען די אַמעריקאַנער וועלן זיך דערוויסן, וואָס די נאַציס טוען מיט די יידן, וועלן זיי אפשר טאָן דאָס זעלבע... דערפאַר האָבן זיי געשוויגן און געוואָלט פאַרטושן דעם אומגליק.

די אַקטיוויטעטן פון דער בערגסאָן גרופּע, די גרויסע

צום פונקט 2). די אַקטיוויטעטן פון די דאָזיקע מנהיגים: געשיכטע־פאָרשער באַהויפּטן, „אַז די יידישע מנהיגים אין אַמעריקע האָבן געווידמעט מער צייט אין זייערע באַמיאונגען צו אונטערגראָבן די בערגסאָן גרופּע, ווי צו באַקעמפן דעם סטייט דעפּאַרטמענט, וואָס האָט בלאָקירט די רעטונגס־אַקציעס אין די קריטישע יאָרן 1942־1945".

עס איז נישט מעגלעך צו פאַרשטיין די פּײַנלעכע און טרויעריקע ראָלע פון די יידישע מנהיגים, אַז זיך אָפּצושטעלן אויף די אַקטיוויטעטן פון דער בערגסאָן גרופּע.

דער לייטער פון דער גרופּע איז געווען דער 26־יעריקער „פּיטער בערגסאָן" (זיין ריכטיקער נאָמען: הלל קוק, אַ ברודער פון הרב אברהם יצחק קוק זצ"ל, הויפּט־רב אין פּאַלעסטינע). אין 1940 איז בערגסאָן־קוק געקומען קיין אמעריקע אַלס שליח פון א.צ.ל. אויפן פאַרלאַנג פון ז. זשאַבאָטינסקי.

דער פאַקט, אַז צוויי מיליאָן דערהרגעטע יידן האָט „זוכה" געווען אַ צוויי אינטש באַריכט אין דער „וואַשינגטאָן פּאָסט" אין 1942 (אַ מיליאָן טויטע יידן פּער אינטש) איז געוואָרן די שטויס־קראַפט, וואָס האָט באַוויגן בערגסאָן־קוק אָנצונעמען אַ ברייט פאַרצווייגטע אַקציע צו ראַטעווען די יידן, וואָס מען קאָן נאָך ראַטעווען. צוזאַמען מיט אים האָבן מיטגעאַרבעט: שמואל מערלין, ערי זשאַבאָטינסקי, בען העכט און אַנדערע האָבן געשאַפן דעם „עמערדזשענסי קאָמיטעט".

דער „עמערדזשענסי קאָמיטעט" איז אַרויס מיט פולע זייטן אַנאָנסן אין די גרעסטע אַמעריקאַנער צייטונגען, אויפגעדעקט און געשילדערט דעם שטייגנדיקן סיסטעמאַטישן מאָרד פון אַ גאַנצן פאָלק, גערופן צו רעטונגס־אַקציעס, צו ראַטעווען די הילפסלאָזע, וואָס געפינען זיך מאַכטלאָז אין די קאָרידאָרן פון אכזריותדיקן טויט.

אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע אַנאָנסן האָט די בערגסאָן גרופּע באַקומען די אונטערשטיצונג פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי הערבערט הוווער, (געוועזענער פּרעזידענט פון אַמעריקע), פרוי עלעאַנאָר רוזוועלט, דער פּרעסע־מאַגנאַט וויליאַם ראַנדאָלף הערסט, הענרי מאָרגענטוי (רוזוועלטס פינאַנס מיניסטער) און צאָלרייכע פּראָמינענטע סענאַטאָרן און קאָנגרעסמענער. מער ווי א האַלבער מיליאָן יידן און נישט יידן האָבן זיך אָפּגערופן מיט געלט באַשטייערונגען.

די ווייטערדיקע אַנאָנסן האָבן אויפגעדעקט די שוועריקייטן, וואָס דער סטייט דעפּאַרטמענט מאַכט קעגן הילף און רעטונגס אַקציעס פון יידן.

די אונטערשטיצונגען וואָס די בערגסאָן גרופּע האָט באַקומען האָט ממש דערשראָקן די „עסטאַבלישמענט" אָנפירער. זיי זענען אַרויס פון זייער פּאַסיוויטעט. אָבער אָנשטאָט צו זוכן און שאַפן אַ פאַראייניקטן, געמיינזאַמען פראָנט פאַר א רעטונגס אַקציע, האָבן זיי געווידמעט זייערע אַקטיוויטעטן און ענערגיע פאַר אַן אָפענעם קאַמף קעגן דעם „עמערדזשענסי קאָמיטעט" מיטן ציל צו דיסקרעדיטירן די בערגסאָן גרופּע.

אין פעברואַר 1943 האָט די בערגסאָן גרופּע פאַרעפנטלעכט אַ פולע זייט אַנאָנס, אַז די רומענישע רעגירונג לייגט פאָר צו פאַרקויפן 10.000 יידן פאַר דריי אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. 50 דאָלאַר פאַר אַ ייד".

באַלד נאָך דעם אַנאָנס האָט סטיפן ווייס אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, וואָס האָט אָפּגעלייקנט, אַז אַזאַ אָפּערטע איז געמאַכט געוואָרן. די יידישע אַגענץ אין לאָנדאָן האָט געשטיצט די הכחשה פון סטיפן ווייס. ד"ר נחום גאָלדמאַן האָט געוואָרנט דעם פינאַנס מיניסטער הענרי מארגעטוי (וואָס האָט אָפן געשטיצט די בערגסאָן גרופּע) אַז דער גאַנצער ענין איז אַ שווינדל.

אַ שווינדל — אָדער אַ פרווו צו פאַרטושן דעם אמת האנט אין האַנט מיט דעם סטייט דעפּאַרטמענט?...

דער יידיש־ענגלישער היסטאָריקער בערנאַרד וואַסערשטיין שטעלט פעסט: „דער פאָרעין אָפיס האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַם פון דער בריטישער אַמבאַסאַדע אין אַנקאַראַ, אַז עס איז פאַראַן אַן אויסזיכט פון אן עמיגראַציע פון גרויסן מאָסשטאַב פון רומעניע, אַן ערך 10.000 יידן (23טער דעצעמבער 1942)". א. וואָלקער און ה. מ. אײַרענס פון פּליטים דעפּאַרטמענט ביים אויסערן־מיניסטעריום האָבן רעקאָמענדירט צו באַהאַנדלען דעם ענין אויף אַ פּאָזיטיוון אופן, טראָץ דעם וואָס דאָס איז קעגן די ענגלישע אינטערעסן. „מיר מוזן מסכים זיין (צו ראַטעווען די פּליטים — מ. פ.) אײדער צו ריזיקירן אַן אַנדערע „סטרומאַ". (פּראָטאָקאָלן פון וואָלקער און אײַרענס, 28־טער דעצעמבער 1942 (זע „בריטין ענד די דזשוס אָף יוראָפּ 1939־1945", זייט 179, בערנאַרד וואַסערשטיין).

ד"ר געראַהאַרד ריגנער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין דער שווייץ, האָט צוגעשטעלט אין אַפּריל 1943 א פּלאַן צו דעפּאָנירן די נייטיקע געלטער אין אַ בלאָקירטער קאָנטאָ אין דער שווייץ (אגב: די רומענער האָבן אַזוי דרינגענד געוואָלט פּטור ווערן פון די יידן, אַז זיי האָבן אַראָפּגענידערט דעם פּרייז צו אַ לעכערלעכער סומע). לויט מאַרטין גילבערט האָט סטיפן ווייס געוווסט וועגן דעם ענין, ער האָט אַפילו אינטערווענירט ביי רוזוועלטן צו באַקומען א דערלויבעניש צו איבערשיקן די געלטער.

לײַדער איז פון דעם גאַנצן ענין גאָרנישט געוואָרן, ווייל דער סטייט דעפּאַרטמענט האָט סאַבאָטירט דעם פּלאַן אין משך פון גאַנצע פינף חדשים און ווען דעם 15־טן דעצעמבער 1942 האָט עס שוין געהאַלטן ביים אַרויסבאַקומען די דערלויבעניש, האָבן זיך די ענגלענדער קעגנגעשטעלט דעם פּלאַן טראָץ דער רעקאָמענדאַציע פון וואָלקער, אײַרענס און לאָרד האַליפאַקס (אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן). א. ראַנדאָל, דער הויפּט פון בריטישן פּליטים דעפּאַרטמענט האָט זיך אויסגעדריקט: „מיטן מאָמענט מיר עפענען די טויערן פאַר די יידן, וועט דאָס פאַראורזאַכן אַ מבול, נישט צום באַהערשן און היטלערן וועט דאָס פאַרלייכטערן".

אַט אַזעלכע דאָקומענטן פאַרענטפערן די פראַגע: שווינדל אָדער א פרווו צו פאַרשטיין דעם אמת...

אין דעם קאַמף קעגן דער בערגסאָן גרופּע האָבן זיך די מנהיגים נישט אָפּגעשטעלט פון פאַרמסרן די גרופּע

ד״ר מ. פּערשטענדיק

# די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַן אָנפֿירערשאַפֿט — אין פּערספּעקטיוו

דער ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער טאָג־צײַטונג „די אויסטראַליען" האָט לעצטנס באַריכטעט וועגן רײַבונגען צווישן פֿאַרשידענע גרופּן פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום. מיט 15 חדשים צוריק איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמיסיע פֿון פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, מיט דער אויפֿגאַבע צו שטודירן און פֿעסטצושטעלן די אויפֿפֿירונג פֿון דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום אין דער צײַט, ווען די נאַציס זענען אָנגעגאַנגען מיט דער עקסטערמינאַציע פֿון אייראָפּעאישן ייִדנטום.

די קאָמיסיע האָט זיך איצט אויפֿגעליזט. דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע אַרטור גאָלדבערג (געוו. ריכטער פֿון אַמעריקאַנער העכסטן געריכט) באַהויפּטעט, אַז דאָס איז געשען, ווײַל דער הויפּט־„ספּאָנסאָר" האָט נישט צוגעשטעלט די נייטיקע פֿאָנדן. דער „ספּאָנסאָר" דזשעק אײַזנער (אַ רײַכער ייִד, וואָס האָט איבערגעלעבט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן) טענהט, אַז די קאָמיסיע־מיטגלידער געפֿינען זיך אונטערן דרוק פֿון געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע גרופּן פֿון דער „עסטאַבלישמענט" זיי זאָלן איבעררײַסן די אויספֿאָרשונג.

דער גאַנצער ענין איז כמעט אומבאַקאַנט אין אויסטראַליע. גאַנץ אַנדערש איז עס אין אַמעריקע. ווען די אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע איז געשאַפֿן געוואָרן, האָט די „ניו־יאָרק טײַמס" געווידמעט דעם ענין די שפּאַלטן פֿון דער ערשטער זײַט באַטאָנענדיק, אַז זי וועט פֿאָרשן אָפֿיציעל „פּײַנלעכע פֿראַגן". די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פֿון 16 פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי ראַביי אַרטור הערצבערג, דזשייקאָב דזשאַוויץ, א. ריבאַקאָוו, ד״ר סיימאָר פֿינגער (געוו. אַמבאַסאַדאָר צו דער יו־ען).

די איניציאַטיוו איז געקומען פֿון דזשעק אײַזנער, דעם געוו. קאַצעטלער, וואָס האָט באַשטימט אַ גרעסערע סומע געלט, כּדי אויסצופֿאָרשן די אַקטיוויטעטן און פּאַסיוויטעטן פֿון די ייִדישע מנהיגים אין דער צײַט פֿון דער שואה, מיט איין וואָרט, אַ משפּט איבער ראַביי סטיפֿען וויס, אבא הלל סילווער און ד״ר נחום גאָלדמאַן.

אין די ראַמען פֿון דעם אַרטיקל וויל איך אָנצייכענען די קאָנטורן פֿון דער „פּײַנלעכער פֿראַגע": 1) די פּאַסיוויטעט, וואָס זעט אויס, ווי אַ קאָלאַבאָראַציע מיט דעם סטייט דעפּאַרטמענט און דעם ווײַסן הויז, מיטן ציל צו פֿאַרשווײַגן די עקסטערמינאַציע פֿון מיליאָנען ייִדן אין אייראָפּע. 2) די אַקטיוויטעטן קעגן די גרופּן אָדער יחידים וואָס האָבן געפּרוווט צו מאָביליזירן די ייִדישע און אַמעריקאַנער עפֿנטלעכע מיינונג מיטן ציל צו ראַטעווען הונדערטער טויזנטער ייִדן, זיי האָבן געגלייבט, אַז מען קאָן ראַטעווען.

צום פּונקט 1). עס איז באַוווּסט אַז אין די אָפּטיילונגען פֿון סטייט דעפּאַרטמענט, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט ייִדן, האָבן געהערשט אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן, די אָפּטיילונג פֿאַרן מיטלען מזרח איז געווען אונטער דער לייטונג פֿון וואַלאַס מאַריי. ער, זײַנע אַסיסטענטן, די אַמבאַסאַדאָרן, קאָנסולן האָבן געוואָרנט רוזוועלטן, אַז אויב מ'וועט צולאָזן צו דער אַנטשטייאונג פֿון אַ ייִדישער מדינה וועט דאָס זײַן אַ מאַרקסיסטישע מדינה... ממילא טאָר מען נישט דריקן אויף ענגלאַנד אַרײַנצולאָזן די פּליטים קיין פּאַלעסטינע.

דער געהילף סעקרעטאַר פֿון סטייט דעפּאַרטמענט איז געווען ברעקענרידזש לאָנג (געוו. אַמבאַסאַדאָר אין איטאַליע). ער האָט אָפֿן געפּרײַדיקט זײַן באַגײַסטערונג פֿאַר פֿאַשיזם, „בעסער נאַציזם, ווי קאָמוניזם". אָט דער מר. לאָנג האָט פֿאַרוואַלטעט מיט די ענינים פֿון „ראַטעווען" ייִדישע פּליטים...

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1942 האָבן די ייִדישע מנהיגים און דער סטייט דעפּאַרטמענט גענוי געוווּסט וועגן דער שטײַגנדיקער מאַסן־פֿאַרניכטונג פֿון די ייִדן אין אייראָפּע. עס איז געווען דער הימל־שרײַענדיקער אויספֿירלעכער באַריכט פֿון „בונד" פֿון 22־טן מאַי 1942, אַרויסגעשמוגלט פֿון פּוילן, צו דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן. צאָלרײַכע ראַפּאָרטן פֿון ריטשאַרד ליכטהיים (פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער אַגענץ אין דער שווייץ). אַ ראַפּאָרט פֿון ד״ר גערהאַרד ריגנער (פֿאָרשטייער פֿון ייִדישן וועלט קאָנגרעס אין דער שווייץ). דער דאָזיקער ראַפּאָרט איז איבערגעשיקט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער און ענגלישע דיפּלאָמאַטישע קאַנאַלן. געווען ווײַטערדיקע ראַפּאָרטן פֿון פֿאַרשידענע קוועלן פֿון אַלע עקן אייראָפּע.

היטלערס טויט־מאַשינען האָבן פֿאַרשלונגען צענדליקער טויזנטער ייִדן טעגלעך, וואָס איז געווען די רעאַקציע אין אַמעריקע? קוים אַ צוויי אינטש נאָטיץ פֿאַרשטעקט אינעווייניק אין דער „וואַשינגטאָן פּאָסט" (צווישן באַנאַלע ידיעות), האָט באַריכטעט אַז צוויי מיליאָנען ייִדן זענען פֿאַרניכטעט געוואָרן...

אָט דאָס איז די באַשולדיקונג אין קאָלאַבאָראַציע, די קאָנספּיראַציע פֿון די ייִדישע מנהיגים מיט דעם סטייט דעפּאַרטמענט צו שווײַגן און פֿאַרטושן דעם גרויזאַמען אומגליק, וואָס איז באַפֿאַלן די אייראָפּעאישע ייִדן.

---

פּאַרטיי שטיצט דעם געדאַנק פֿון צוריקציִען זיך צו די גרענעצן פֿון פֿאַרן יאָר 1967, לטובֿת אַ שלום־אָפּמאַך.

פֿון דעם אַלעם איז שווער צו פֿאָרויסזען, ווי אַזוי כּוסיין וועט זיך אַן עצה געבן מיט דער נײַער ראָל, וואָס מען צווינגט אים צו שפּילן, און ווי ווײַט זײַנע „פֿאַרבינדעטע" וועלן אים לאָזן געניסן פֿון די דערפֿאָלגן .. אויב אַזעלכע וועלן זײַן.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

"KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia. :אדרעס פון רעדאַקציע

פעברואַר־מערץ 1983 נומער 1 (35) מעלבורן — אויסטראַליע


## א „נייער" פּאָליטישער שטערן

פון צווישן די וואָלקנס אויפן פּאָליטישן הימל פון מיטעלן מזרח האָט זיך אַדורכגעריסן אַ „נייער" שטערן: דער קעניג פון ירדן, כוסיין.

אויב מען קאָן נעמען פאַר אַ ביישפּיל אַ מדינה און איר הערשער וואָס עקזיסטירן אויף בלויז צופאַלן — איז עס די האַשעמיטן מדינה — אַ קינסטלעכער פּראָדוקט פון דער בריטישער קאָלאָניאַלער סטראַטעגיע אין די צוואַנציקער יאָרן — געצילט צו פאַרזיכערן ענגלאַנדס העגעמאָניע אין מיטעלן מזרח.

פון עטלעכע אַטענטאַט־פּרוּוון איז קעניג כוסיין אַרויס גאַנץ, אַזוי איז אויך אַרויס פּאָליטיש אומבאַשעדיקט די ירדן־מדינה, נאָכן פּרוּוו פון דער פּ.ל.אָ. צו עטאַבלירן אַ „מלוכה אין אַ מלוכה", ווי עס איז שפּעטער געשען אין לבנון.

געפינענדיק זיך אין צענטער פון מיטעלן מזרח — האָט זיך כוסיין באַמיט מען זאָל אים און זײַנע אַמביציעס וואָס ווייניקער אָנזען, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די ראָל פון אַ באַלאַנסירנדיקן כוח. במילא האָט ער גענאָסן פון אַמעריקאַנער און ענגלישער אונטערשטיצונג פון איין זײַט, און שטילערהייט — אויך פון מדינת ישראל.

ווען דער ראַפינירטער פּאָליטיקער סאַדאַט האָט געשלאָסן דעם שלום אָפּמאַך מיט ישראל, האָט כוסיין זיך געהאַלטן פונדערווײַטנס. ער האָט וואַרשײַנלעך גאָרנישט געהאַט צו געווינען און צופיל — צו פאַרלירן.

אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט האָט זײַן שטערן גענומען שײַנען, נישט פון זײַן אייגענער איניציאַטיוו, נאָר אין אָפּשײַן פון אַנדערע פּאָליטישע קאָנסטעלאַציעס.

שטייענדיק מיט איין פוס אין קומענדיקן וואַל־קאַמף פאַר דער פּרעזידענטן־שטול (1984) מוז פּרעזידענט רעיגען קומען צום אַמעריקאַנער וויילער מיט אַ ספּעקטאַקולערן אויפטו (ווייל די אַמעריקאַנער ווערן נאָך אַלץ פאַרכישופט פון די דיסני־לאַנד ספּעקטאַקלען) און דאָס קאָן ער באַשטימט נישט דערגרייכן אין אַ קורצער צײַט: נישט אין די אַנטוואָפענונגס־אונטערהאַנדלונגען מיט רוסלאַנד; נישט אין די באַציאונגען מיט כינע, ווו דער פאַרמאָא־אינדזל איז אַ ביין — נישט אויסצושפּייען און נישט אַראָפּצושלינגען. בלייבט דער מיטעלער מזרח, ווו רעיגען האָט די נויטיקע מיטלען אויסצוקוועטשן פון ישראל דעם פּאַספּאָר אַדאַנק וועלכן זיין ציפערבלאַט וועט נעמען שײַנען, און די וויילער וועלן פאַרבלענדט ווערן.

פון דער אַנדערער זײַט האָט יאַסער אַראַפאַט, דער אָפּגעקומענער פירער פון דער פּ.ל.אָ. אָנגעהאָנגען אויף כוסיינען זײַנע האָפענונגען פון אײַנהאַלטן די פירער־פּאָזיציע, באַדיי דורך אַ פעדעראַציע מיט ירדן, אַבי אַ שטיקל באָדן אונטער די פיס.

די צוויי כוחות שטופּן כוסיינען אַרויס ווי דעם בליץ־אָפּלייטער פון די שטורעמס אין מיטעלן מזרח.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ישראל האָט וויכטיקערע זאָרגן, דווקא אין דעם מאָמענט. דאָס זענען: די לבנון־אינוואַזיע, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט ווי דער אַמאָליקער בערן־יאָגד. — איך האַלט נישט דעם בער — דער בער האַלט מיך... און די מאָדערנע קעגן־לופט־אָנגריף ראַקעטן פון טיפּ „סאַם־5", וועלכע די סאָוויעטן נעמען אײַנשטעלן אין סיריע. די דאָזיקע ראַקעטן קאָנען דערגרייכן אַ הייך פון 29 קמ. אין דיאַמעטער פון 250 קמ. און ווערן באַטראַכט ווי דאָס בעסטע סטראַטעגיש געווער אין סאָוויעטישן אַרסענאַל.

אויב דאָס בויען ישובים אין מדבר סיני, ווי ימית, וואָס האָט לכתחילה אויסגעזען ווי דאָס אַרײַנרוקן אַ שטעקן אין אַ מוראַשניק — כדי אויפצורודערן די עגיפּטער און זיי באַוועגן צום טיש פון פאַרהאַנדלען — טראָגט דאָס בויען ישובים אין די געביטן פון שומרון, יהודה און עזה — אַ פּערמאַנענטקייט וועלכע ישראל וועט מיטן גוטן ווילן נישט פאַרלאָזן.

(אויך דאָס צעשטערן ימית האָט נישט געהערט צו די פּאָליטישע קלוגשאַפטן פון דער רעגירונג. מען האָט די שטאָט געקאָנט פאַרקויפן, און אַ שטאָט איז פאָרט אַ שטאָט — ווי די זאַך מאַכט זיך...)

צו די דאָזיקע אויספירן קאָן מען לײַכט קומען, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז די הסתדרות בוי־געזעלשאַפט „חברת עובדים" און אַנדערע בוי־צווײַגן, פאַרנעמען זיך מיטן הײַיאָר־בוי אויף די פאַרנומענע געביטן; פון דער רעדע, וואָס יצחק ראַבין האָט געהאַלטן אין דעם ישוב „אפרת" אויפן מערב־ברעג („דזשערוזאַלעם פּאָסט", 15 יאַנואַר ה"י.) ס'איז אַ פאַלשער אײַנדרוק, אַז די אַרבעטער־

# Jewish Cultural Centre and National Library "KADIMAH"

7 Selwyn Street, Elsternwick 3185
Telephone 523 9817

Dear Sir/Madam,

I have the honour, by direction of the Board of Directors of the "Kadimah", to request your attendance at the

## 71st ANNUAL GENERAL MEETING

of the above Society, to be held on Sunday, 20th March 1983 at 8 p.m. sharp, in the new "Kadimah" building, 7 Selwyn Street, Elsternwick.

Yours faithfully
M. AJZENBUD
Hon. Secretary

BUSINESS:

1. Confirmation of Minutes of the previous Annual Meeting.
2. Reception and Adoption of Annual Report and Balance Sheet.
3. Election of Board of Management.
4. Any other business that may occur.

NOTE: Written nominations for Directors of the Board of Management should be lodged at the office of the "Kadimah", 7 Selwyn Street, Elsternwick, not later than Wednesday, 16th March 1983 by 5 p.m.

M. AJZENBUD
Hon. Secretary

# ייִדישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק, טעל. 523 9817

חשובער פריינד,

לויט די אינסטרוקציעס פון קאָמיטעט האָב איך דעם כבוד צו פאַרבעטן איך

אויף דער 71־טער

## יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג

פון „קדימה"

די פאַרזאַמלונג קומט פאָר זונטיק, דעם 20טן מערץ 1983, 8 אָוונט אין לעאָ פינק־זאַל פון „קדימה, 7 סעלווין גאַס, עלסטערנוויק.

מיט דרך־ארץ
מ. אייזענבוד
ערן־סעקרעטאַר

טאָג־אָרדנונג:

1) איבערלייענען און באַשטעטיקן דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג;
2) באַשטעטיקן דעם יערלעכן באַריכט פון די געלט־רעכענונגען;
3) אויסוּוילן אַ נייעם קאָמיטעט;
4) אַנדערע ענינים וואָס וועלן עווענטועל אַרויס־געבראַכט ווערן.

באַמערקונג:

שריפטלעכע נאָמינאַציעס פון קאַנדידאַטן צום קאָמיטעט דאַרפן אַריינגעטראָגן ווערן אין סעקרעטאַריאַט פון „קדימה", 7 סעלווין גאַס, עלסטענוויק, נישט שפּעטער ווי ביז מיטוואָך, דעם 16טן מערץ 1983, 5 נאָך מיטאָג.

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


מ. א. — אַ „נייער" פּאָליטישער שטערן . . . . . . . . . 1
ד"ר מ. פּערשטענדיק — די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַן אַנפירערשאַפט
— אין פערספעקטיוו . . . . . . . . . 2
הערשל באַכראַך — יידישע ענינים אין דער אויסטראַלישער פּרעסע . . . 5
א. זילבער — מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם . . . . . . . . . 7
שלום ג. — צווישן זיין און נישט זיין . . . . . . . . . 9
וו. יאַבלאָנסקי — צום 50-טן יאָרטאָג פון אַ טראַגישער דאַטע . . . . 10
בן-ציון פּאַטקין — עטלעכע באַמערקונגען . . . . . . . . 12
ד"ר מ. פּערשטענדיק — און אַן ענטפער . . . . . . . . 13
י. מ. לעווין — קהלת איז געווען גערעכט (דערציילונג) . . . . . . 14
מ. אייזענבוד — עלנט און אַליין (רעצענזיע) . . . . . . . . 16
ג. ביאַלילעוו — אַלטער מאַן ביים פענצטער (בילד) . . . . . . 18
א. פּשעדבאָרסקי — צוויי לידער . . . . . . . . . . 19
מגר בן-ציון פעלדשוה — שאָפּענהויער און ניטשע . . . . . . . . 19
רחל בעקער — דאָס קרעמל אויף קינג דזשאָרדזש גאַס... . . . . . 21
מעם — פאַרבייגייענדיק . . . . . . . . . . . 22
ש. בענעט — לאָקאַלע קאָמענטאַרן . . . . . . . . . 24
מעלבורנער קולטור-כראָניק . . . . . . . . . 25
71-טער טעטיקייטס-באַריכט פון „קדימה" . . . . . 26


פּרייז פון נומער $1.50


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 1 (35) פעברואַר-מערץ 1983